כא) דער מאַן טאָר אויך ניט אָנגיסן פאַר איר אַ כוס צום טרינקען און איר ניט שיקן אַ כוס — אַפילו אַ כוס של ברכה — סיידן אַנדערע טרינקען פריהער, מעג ער איר שוין דערנאָך שיקען.

כב) די פרוי טאָר ניט שטעלן פאַרן מאַן וואַסער צום וואַשן.

כג) די אַלע דינים וואָס איז געשריבן אין דעם סימן זאָלן זיי אָפּהיטן פון דעם טאָג וואָס זי איז אומריין געוואָרן ביז זי איז זיך טובל ס'איז קיין חילוק ניט צווישן אומריינע טעג און צווישן ריינע טעג.

כד) אויב דער מאַן אָדער די פרוי זיינען ח"ו קראַנק און איינער דאַרף דעם אַנדערן באַדינען זאָלן זיי פרעגן אַ רב ווי זיי זאָלן זיך נוהג זיין.

---

does not see it. However, she may not lie down upon her husband's bed, even in her clothes, whether by day or by night.

14) The husband may not sit on the wife's bed, even after she has begun to count her seven clean days and has spread out fresh sheets.

15) The husband's bed must not adjoin the wife's bed.

16) The husband should not observe her step, nor look at any part of her body which is usually covered by her clothes.

17) It is very fitting that the wife should wear special clothes during her menstrual period, so that they should both remember that she is unclean.

18) She should not fill the cup for him, while he is looking on.

19) When the wife serves food at the table, or when she hands her husband anything, she should do so in an unusual manner — as, for example, with her left hand.

20) The wife must not make the husband's bed, while he is looking on; otherwise she may do it, even if he knows that she has made the bed.

21) The husband, also, may not fill the cup for his wife, nor even send it to her, even if it is the cup over which a benediction has been made, unless others drink of it first, in which case he may send it to her.

22) The wife must not set water in front of her husband for the purpose of washing himself.

23) All the laws mentioned in this chapter must be observed from the day when she becomes unclean until she performs the immersion, without distinction as to "unclean" and "clean" days.

24) If husband or wife fall ill — G-d forbid — and one has to minister to the other, they should obtain rabbinical advice as to the proper conduct.

---

# סימן יג.

## די דינים ווי אַ פרוי דאַרף זיך נוהג זיין מיט דאַוונען און מיטן שוהל גיין ווען זי איז ניט ריין

א) א טייל פוסקים שרייבן אז א פרוי אין די אומריינע טעג טאָר ניט גיין אין שוהל און טאָר ניט דאַוונען, קיין שום שם צו דערמאָנען און ניט אָנרירן קיין ספר. בענטשן נאָכן עסן זאָל זי הערן פון אַן אַנדערן, ער זאָל מכוין זיין איר מוצא צו זיין און זי זאָל הערן וואָרט ביי וואָרט און אז ס'איז ניטאָ קיין אַנדערער זאָל זי אַליין בענטשן דאָס גלייכן קידוש מאַכן. און א טייל פוסקים שרייבן אז א נדה מעג יאָ אין שול גיין, מעג דאַוונען אַלע ברכות מאַכן און דעם שם דערמאָנען. דער מנהג איז אז זיי גייען אין שוהל אַריין אויב ס'איז דאָ ביי איר א מנין זאָל זי ניט קוקן אויף דער ספר־תורה ווען מ'הויבט אויף דעם ספר און מ'ווייזט דעם עולם דאָס כתב.

ב) אין די ריינע טעג מעג זי גיין אין שוהל.

ג) ימים נוראים אין סליחות טעג און יום טוב ווען אַלע גייען אין שוהל מעג זי אויך גיין. דאָס גלייכן ווען זי מאַכט חתונה א קינד אָדער זי שטייט אויף פון קינד בעט מעג זי אויך גייען אין שוהל.

---

# סימן יד.

## דינים פון דעם אָפּציהען און ווען דאָס אָפּציהען זאָל זיין

א) א טאָג פריהער איידער די פרוי הויבט אָן ציילן די ריינע טעג זאָל זי זיך פאַרנאַכט צווישן טאָג און נאַכט אונטערזוכן און ווען זי געפינט שוין גאַרניט, זאָל זי מאָרגן פרי אָנהויבן ציילן די ריינע טעג.

ב) די ריינע טעג הויבן זיך ניט אָן פאַר דעם זעקסטן טאָג פון איר אומריינקייט (טומאה) וואָרום אפילו ווען זי איז אומריין געוואָרן און האָט באַלד אויפגע־

## CHAPTER XIII.

## CONCERNING PRAYER AND SYNAGOGUE ATTENDANCE DURING THE MENSTRUAL PERIOD

1) Some authorities hold that during her menstrual period a woman should not attend synagogue nor pray; that she should not utter any Divine appellation nor touch a sacred book; that she hear the grace after meals word by word from another person, who should have it in mind to absolve her of the duty; and that only in the absence of another person should she herself say the grace and pronounce the sanctification (kiddush). Other authorities hold that a menstrually unclean woman is permitted to attend synagogue, to pray, to say all the benedictions and to utter the Name of G-d. The custom is that women do attend synagogue during their periods. If a service is held in her presence, she should not look upon the scroll of the Law, when it is being raised to show the script to the congregation (Hagba'ah).
2) During her clean days, she is definitely permitted to attend synagogue.
3) During the High Holidays, during the penitential days (s'lichos) and on the festivals, when all others attend synagogue, the unclean woman, too, may attend. Similarly, when her child is being wedded, or when her confinement is ended, she may attend synagogue.

---

## CHAPTER XIV.

## LAWS CONCERNING THE PURIFICATION AND WHEN THE PURIFICATION IS TO TAKE PLACE

1) On the day before starting her count of seven clean days the woman should examine herself during the evening twilight. If she does not discover anything, she may begin her count of clean days on the morrow.
2) The clean days never begin before the sixth day after the onset of the period; for even if the flow should cease im-

הערט צו זעהן און זעהט שוין ניט מוז זי דאָך וואַרטן פינף טעג און דאַרף זיך פאַרנאַכט אונטערזוכן און מאָרגן פרי דאָס הייסט דער זעקסטער טאָג הויבט זיך ערשט אָן דער ערשטער טאָג פון די זיבן ריינע טעג.

ג) א טייל זיינען זיך נוהג און הויבן ערשט אָן צו ציילן פון אַכטן טאָג דהיינו זי ציהט זיך אָפּ דעם זיבעטן טאָג און אויף מאָרגן הויבט זי אָן ערשט ציילן, דאָס איז אָבער ניט קיין גוטער מנהג מ'דאַרף זיך מקדים זיין צו א דבר מצוה.

ד) אויב א כלה נאָך דער חופה האָט געזעהן בלוט איידער דער חתן איז ביי איר געוועזן דאַרף זי פרעגען א שאלה ווען זי זאָל אָנהויבן ציילן זיבן ריינע טעג.

ה) דאָס גלייכן א כלה וואָס דאַרף חתונה האָבן זאָל זי אויך פרעגן א שאלה ווען זי זאָל אָנהויבן ציילן זיבען ריינע טעג.

ו) אַפילו ווען זי האָט געזעהן נאָר אַ פלעק הייסט זי א נדה און איז אומריין און ס'הויבן זיך אָן די זיבן ריינע טעג ערשט נאָכן פינפטן טאָג פון אומריין ווערן ווי אַלע פרויען.

ז) דאָס איז אָבער נאָר אַז זי האָט געזעהן בלוט אָדער א פלעק דאַמאָלט ווען זי איז געוועזן גאַנץ ריין — טהור, אָבער אויב זי האָט געפונען א פלעק אַפילו בלוט אין די טעג וואָס זי ציילט ריינע טעג דאַרף זי ניט וואַרטן קיין פינף טעג נאָר תיכף אַז זי ווערט ריין קען זי מאָרגן פרי אָנהויבן ציילן זיבן ריינע טעג.

ח) אויב זי האָט זיך געטובלת און דער מאַן איז ביי איר ניט געוועזן אין דער נאַכט און מאָרגען פרי געפינט זי א פלעק זאָל זי פרעגן א שאלה.

ט) דאָס פּוסק בטהרה זיין, דאָס וואָס די פרויען רופן אָן אָפּציהען מוז זיין איידער די זון פאַרגייט, אויב אָבער מען האָט שוין געדאַוונט מעריב אָבצוואָהר זי האָט נאָך ניט געדאַוונט אָדער דער עולם האָט שוין מקבל שבת געוועזן און ס'איז נאָך טאָג זאָל זי פרעגען א שאלה ווי זי זאָל זיך

mediately and not recur the woman must wait five days, examine herself before nightfall, and only on the morrow, i.e. on the sixth day, begin to count her seven clean days.

3) Some women are accustomed to begin the count on the eighth day; i.e. they conduct the purification on the seventh day, and begin to count on the morrow. This, however, is an improper practice, for one should hasten in fulfilling a meritorious deed.

4) If, after the wedding, the bride has an issue of blood before cohabitation, she should obtain rabbinical advice when to begin her count of seven clean days.

5) Similarly if it happens in the case of a bride shortly before her wedding, she should inquire, when to begin her count of seven days.

6) Even if the woman discovers merely a stain, she is regarded as menstrually unclean, and her seven clean days begin only after the fifth day of her impurity, as in the case of all other women.

7) This applies, however, only if she has discovered an issue of blood or a stain during her completely clean period (after the bath of immersion); if, however, she discovers a stain or even an issue of blood during the days of purification (preceding the bath of immersion), she need not await another five days, but as soon as she is clean, she may resume to count her seven days of purification on the morrow.

8) If the woman has taken the bath of immersion, but the husband has not cohabited with her during the night, and she discovers a stain in the morning, she should make an inquiry.

9) The "cessation in purity", or the "purification", as women call it, must take place before sundown; if, however, the congregation has already said the evening prayer, although the woman herself has not done so, or if the congregation has already recited the welcoming prayers for the Sabbath (kabbolas shabbos), while it is still daylight, she should

נוהג זיין און ווייל ס'ווערט שפעט ס'איז קיין צייט צו שיקן פרעגן, זאל זי זיך פריהער אפציהען און דערנאך שיקן פרעגן. אויב ס'איז שפעט אפילו דער עולם האט נאך ניט געדאווענט קיין מערב זאל זי אויך פרעגן א שאלה.

---

# סימן טו.

## ווי אזוי דאס אפציהען זאל זיין און וואס הייסט אפציהען

א) ווען די פרוי וויל מאכן דאס אפציהען, זאל זי זיך אונטערזוכן ווי ווייטער איז געשריבן אין סימן טז., איידער די זון פארגייט, ווי ס'איז געשריבן אין פריהערדיגן סימן און דער נאך זאל זי זיך בודק זיין ביז ס'ווערט רעכט נאכט און זי זאל זיך ווידער בודק זיין אויב זי געפינט ניט קיין שום רויטקייט (מראה אודם) אזוי הויבט זיך אן פון פארגן פרי די זיבן ריינע טעג און אויב זי געפינט עפעס רויטלאך מוז זי ערשט מארגן מאכן דעם אפצוג.

ב) אזוי דארף יעדע ערליכע פרוי טאן און בדיעבד אויב זי האט זיך נאר איין מאל בודק געווען (אונטערזוכט) איז אויך קיין איסור ניט. יעדע ערליכע מוטער אדער שוויגערמוטער דארף איר טאכטער פערזענליך לערנען ווי אזוי זי זאל זיך בודק זיין ווארום אזעלכע זאכן לאזן דאך זיך ניט צו שרייבן אויף אידיש טייטש.

ג) דעם טאג ווען די פרוי מאכט דעם אפצוג דארף זי אנטאן נאך דער בדיקה א ריין וויים העמד אויף וועלכער ס'איז ניטא קיין פלעק און מארגען פרי אנהויבען ציילען זיבן ריינע טעג.

ד) ס'איז א מנהג כשר וישר אז יעדע פרוי וואס מאכט דעם אפצוג זאל זיך אפוואשען און זי זאל אנטאן א וויים העמד און אנדערע קליידער, נאר בשעת הדחק אז זי האט ניט קיין אנדערע קליידער איז גענוג אז זי זאל אנטאן א ריין העמד אויף וועלכער ס'איז ניטא קיין פלעק.

---

consult rabbinical authority as to the proper conduct. Since, however, it might be late, she should conduct the purification first and then send for the inquiry. If the hour is late, she should make an inquiry even if the congregation has not yet said the evening prayer.

---

## CHAPTER XV.

## HOW TO CONDUCT THE PURIFICATION AND WHAT IS MEANT THEREBY

1) A woman preparing to conduct the purification should examine herself as described below in chapter 16; once before sundown, as explained in the previous chapter, and then again, after it has become completely dark, and if there is no trace of a reddish mark, she begins the count of her seven clean days on the morrow. If she does find a reddish mark, she must repeat the purification the next day.

2) Thus should be the practice of every devout woman; if, however, only one examination has been conducted, it is not to be regarded as a transgression. Every devout mother or mother-in-law should instruct her daughter personally in the method of the examination, since it is not suited for presentation in translation.

3) On the day of her purification after having examined herself the woman should put on clean lingerie, free from any stains, and on the morrow begin to count her seven clean days.

4) It is a very commendable practice that every woman should wash herself after the purification and put on white lingerie and other clothes, but in an emergency, if no other clothes are available, any clean lingerie that is free from stains will suffice.

## סימן טז.

### דינים פון די זיבן ריינע טעג און ווי אַזוי די בדיקות אונטערזוכונג זאָל זיין

א) אַלע טאָג פון די זיבן ריינע טעג מוז זיך די פרוי בודק זיין (אונטערזוכן) צוויי מאָל אין טאָג אין דער פרי און פאַרנאַכט.

ב) די בדיקה דאַרף זיין ביי די ליכטיקייט פון דעם טאָג און ניט ביי א ליכט.

ג) די אַלע בדיקות דאַרף זיין לויטן דין ווי ערליכע פרויען זיינען זיך נוהג, און די פרוי וועלכע איז זיך ניט בודק גענוי, לויטן דין איז דאָס גאָר קיין בדיקה ניט.

ד) אויב זי קען ניט אַלע בדיקות מאַכן גענוי לויטן דין איז בדיעבד גענוג אויב זי האָט זיך איין מאָל אין די זיבן טעג בודק געווען גענוי לויטן דין. געוויס איז בעסער אַז זי קען דעם ערשטן טאָג די גוטע בדיקה מאַכן, נאָר אויב ניט איז בדיעבד גענוג איין גוטע בדיקה אין אַנדערן טאָג פון די זיבן ריינע טעג. די פרוי אָבער וואָס האָט זיך אפילו איין מאָל ניט בודק געווען ווי דער דין, זיינען אירע זיבן טעג ניט גערעכענט און איר טבילה העלפט ניט זי הייסט אנ'אמתע נדה.

ה) די זיבן ריינע טעג מוזן זיין נאָכאַנאַנד זי זאָל אויף זיך אין פאַרלויף פון די זיבן טעג ניט געפינען קיין שום פלעק, אויב אָבער זי האָט יאָ געפונען א פלעק מוז זי אויף דאָס ניי בדיקה האָבן ווי ס'איז אויבן געשריבן און אויף דאָס ניי זיבן ריינע טעג ציילן.

---

## סימן יז.

### די דינים פון טבילה ווען די פרוי זאָל זיך טובל זיין און ווי אַזוי זי זאָל זיך טובל זיין אין אַלע דינים פון טבילה און חפיפה

א) אויב דער מאַן איז אין דערהיים איז א מצוה אז די פרוי זאָל זיך טובל זיין אין דער צייט ווען ס'קומט איר אויס.

## CHAPTER XVI.
## LAWS CONCERNING THE SEVEN CLEAN DAYS AND THE COUNT OF THE EXAMINATIONS

1) On each of the seven clean days, the woman must examine herself twice during the day: in the morning and before sundown.
2) The examination must be made by the natural light of the day and not by artificial light.
3) All these examinations must be conducted according to the law after the manner of devout women. If the woman fails to examine herself thoroughly according to the law, her examination is not valid.
4) If the woman is unable to conduct all the examinations exactly according to law, a single thorough examination according to law, once during the seven days will be deemed acceptable. In this case it would certainly be best, if the thorough examination were conducted on the first day; otherwise on thorough examination on any of the seven clean days will be densidered valid. If, however, the woman has not conducted a single examination according to law, her seven days are not counted valid, an immersion is of no avail, and she is considered in every respect as menstrually unclean.
5) The seven clean days must be consecutive, no stain being discovered throughout the seven days. If, however, the woman does find a stain, she must repeat the examination, as described above, and begin a new count of seven clean days.

---

## CHAPTER XVII.
## THE LAWS OF IMMERSION: WHEN THE WOMAN SHOULD PERFORM THE IMMERSION, INCLUDING ALL OTHER LAWS CONCERNING IMMERSION AND CLEANING OF THE HAIR

1) When the husband is home, it is a meritorious deed for the wife to perform the immersion as soon as permissible.

ב) זי מעג זיך טובל זיין פרייטיק פארנאכט אויב זי האט ניט געקענט פריהער זיך טובל זיין דאס איז דוקא אז דער מאן איז אין שטאט, אבער אז דער מאן איז ניטא אין שטאט טאר זי זיך ניט טובל זיין פרייטיק פארנאכט. דאס גלייכן אויב זי האט געקענט זיך טובל זיין פריהער טאר זי זיך ניט טובל זיין פרייטיק פארנאכט אפילו אז דער מאן איז אין דערהיים.

ג) אויב זי האט זיך געקענט טובל'ן פריהער נאר דער מאן איז ניט געווען און ער איז פרייטיק געקומען צופארן איז דער דין אז וואו ס'איז א מנהג מעג זי זיך טובל זיין.

ד) אויב זי האט זיך געטובלת דאנערשטיק אויף דער נאכט וואס געהערט צו פרייטיק דערנאך איז זי געווואר געווארן אז די טבילה איז ניט גוט געווען דהיינו זי האט געפונען א חציצה אדער אן אנדער ספק, ס'דאכט זיך איר אז זי האט זיך ניט געטובלת מעג זי זיך שוין פרייטיק פארנאכט נאך אמאל טובל זיין.

ה) דאס גלייכן ווען זי האט זיך טובל געווען פרייטיק פאר נאכט און זי האט דערנאך געפונען עפעס א חציצה דהיינו זי האט געפונען עפעס אונטער דעם נאגל, מעג זי זיך טובל זיין נאך אמאל. אדער זי איז געגאנגען פון דער טבילה און האט באגעגענט א הונט אדער א חזיר און זי איז זיך נוהג, נאך אזא באגעגעניש זיך נאך אמאל טובלען, מעג זי זיך נאך אמאל טובל זיין אפילו פרייטיק פארנאכט.

ו) אויב זי האט זיך טובל געווען פרייטיק פארנאכט און דערנאך האט זי דערזעהן א נאגל וואס זי האט פארגעסן אפצושניידן זאל זי פרעגן א שאלה ווי זי זאל זיך נוהג זיין.

ז) מוצאי שבת האט דער דין פון פרייטיק פארנאכט, דאריבער דארף א פרוי זיך ניט טובל זיין מוצאי שבת, סיידן זי האט פריהער ניט געקענט.

ח) ערב יום טוב פארנאכט האט דעם זעלבן דין פון ערב שבת פארנאכט געגן אלע זאכן וואס דא איז געשריבן.

ט) אז איינער נעמט אן אלמנה און די ערשטע טבילה קומט אוים פרייטיק פאר־נאכט זאל זי פרעגן א שאלה.

י) א פרוי טאר זיך ניט טובל זיין בייטאג נאר ביינאכט ווען ס'שטייען שוין שטערן.

יא) אויב זי האט זיך ג'טובלת בייטאג איז דער דין אזוי, אויב דאס איז דער זיבעטער טאג פון די זיבן ריינע טעג העלפט גאר ניט די טבילה וואס זי האט

2) She may perform the immersion on Friday before sundown, if she could not do it before, provided her husband is in town. If, however, her husband is absent, she may not perform the immersion on Friday before sundown. Likewise, if she could have performed the immersion earlier, she may not do it on Friday before sundown, even if her husband is home.
3) If she could have performed the immersion earlier, but the husband was absent and arrived on Friday, she may do it now, if it is in accord with local custom.
4) If she performed the immersion on Thursday night, which belongs to Friday, and then discovered that her immersion was invalid — by reason of an interference, for example, — or if there was any doubt, which might lead her to believe that her immersion may not have been valid, she may repeat her immersion on Friday afternoon.
5) Likewise, if she performed the immersion on Friday afternoon and she found some interference afterwards, such as particles under a nail, she may repeat her immersion. Or, if upon returning from the immersion she has encountered a dog and a pig, and it is her practice to repeat her immersion after such an encounter, she may do so.
6) If she has performed the immersion on Friday afternoon, and afterwards discovered a nail which she forgot to cut, she should make an inquiry concerning proper conduct.
7) The same laws apply on Saturday night as on Friday afternoon, hence a woman should not perform the immersion on Saturday night, unless she was unable to do so before.
8) The afternoon of the festival eve is governed by the same law as Friday afternoon in all matters described.
9) A widow who remarries and whose first immersion occurs on Friday afternoon should make an inquiry.
10) The woman should not perform the immersion during the day, but at night, when the stars have already appeared.
11) If she did perform the immersion during the day, the following laws apply: If it is the seventh day of her clean

זיך ג'טובלת און זי מוז זיך נאָך אַמאָל טובל זיין ביינאַכט ווען ס'שטייען שוין שטערן, נאָר אויב ס'איז שוין א טאָג נאָך די זיבן ריינע טעג, דאָס הייסט שוין אן איבערגעגאַנגענע טבילה העלפט בדיעבד די טבילה וואָס זי האָט זיך טובל געווען דעם אַכטן טאָג בייטאָג נאָר זי איז נאָך אסור צום מאַן ביז נאַכט אָבער לכתחילה טאָר קיין פרוי אפילו אַנ'איבערגעגאַנגענע טבילה זיך ניט טובל זיין בייטאָג.

יב) אויב א פרוי האָט זיך ג'טובלת דעם זיבעטן טאָג בייטאָג האָבן מיר געשריבן אַז זי מוז זיך נאָך אַמאָל טובל זיין ביינאַכט, איז אויב דאָס קומט אויס אום פרייטיק, מעג זיך די פרוי פרייטיק פאַרנאַכט טובל זיין נאָך אַמאָל.

יג) אין אויסער געוויינליכן צופאַל (שטאַרקן אונס) ווען די פרוי קען זיך ניט טובל זיין ביינאַכט איז דער דין אַזוי: דעם זיבעטן טאָג פון די ריינע טעג העלפט קיין שום זאַך ניט, נאָר אַן איבערגעגאַנגענע טבילה, דאָס הייסט דעם אַכטן טאָג און די פרוי האָט קיין ברירה, ניט זי קען זיך ביינאַכט ניט טובל זיין, זאָל זי פרעגן א שאלה און דער רב וועט שוין פאַרשטיין אויב זי קען ווירקליך ניט אַנדערש וועט ער איר זיכער ערלויבן, אָבער די פרוי אַליין זאָל זיך ניט מתיר מאַכן.

יד) א כלה וואָס טובלת זיך פאַר דער חופה איז אויב ס'איז דער זיבעטער טאָג פון די ריינע טעג טאָר זי זיך ניט טובל זיין בייטאָג נאָר ביינאַכט, אָבער אויב ס'איז דער אַכטער טאָג מעג זי זיך טובל זיין, ס'איז א מצוה צו ערקלערן די פרויען, זיי מיינען אַז א כלה מעג זיך טובלען בייטאָג תמיד אפילו דעם זיבעטן טאָג. חס ושלום דעם זיבעטן טאָג איז קיין חילוק ניט סיי א פרוי סיי א כלה טאָרן זיך ניט טובל זיין בייטאָג, נאָר דעם אַכטן טאָג איז דאָ א חלוק אַז אַנדער פרוי טאָר ניט לכתחילה און א כלה מעג יאָ.

נאָך דער חופה די ערשטע טבילה טאָר זי זיך שוין ניט טובל זיין לכתחילה בייטאָג אפילו דעם אַכטן טאָג.

---

## סימן יח.

## די דינים פון טבילה

א) מ'מוז טובל זיין דעם גאַנצן קערפּער מיט אַמאָל און ניט טיילווייז, דהיינו ס'טאָר פריהער איין האַנט דערנאָך די צווייטע און דאָס גלייכן, מ'מוז מיט

days, her immersion is invalid and must be repeated at night after the stars have appeared; but if it is already the eighth day, following the seven clean days, then it is called a delayed immersion, and it is deemed valid, although cohabitation must not take place until nightfall. Properly, however, no woman should perform the immersion during the day, even in the case of a delayed immersion.

12) We have already stated that a woman who performs the immersion on the seventh day must repeat the immersion at night. If this occurs on Friday, she may repeat the immersion on Friday afternoon.

13) Under extra-ordinary circumstances, if the woman cannot perform the immersion at night, the following law applies: nothing can be done to permit the immersion on the seventh day; but in the case of a delayed immersion on the eighth day, she should consult a rabbi, who will certainly permit it, if there is no other possibility. The woman should not, however, take the liberty of making the decision herself.

14) A bride who performs the immersion before her wedding must do so at night, if it is the seventh of her clean days; but if it is the eighth day, she may do it during the daytime. It is a meritorious deed to explain this to the women who think that the bride may always perform the immersion during the daytime even on the seventh day. Nay, G-d forbid, there is no difference concerning the seventh day between a married woman and a bride, neither being allowed to perform the immersion during the daytime. Only on the eighth day there is the difference that it is improper for a married woman, whereas it is proper for the bride. After the wedding, even the first immersion must properly be performed at night, even on the eighth day.

---

## CHAPTER XVIII.

## LAWS CONCERNING THE MANNER OF THE IMMERSION

1) The entire body must be immersed at once and not partially, i.e. one must not immerse one hand first and then the other

אמאָל דעם גאַנצן קערפּער איבערן קאָפּ אין וואסער אריין־טאָן.

ב) בשעת טבילה טאָרן די האָר ניט זיין פאַרקניפּט און אויב ס'איז איין האָר פאַרקניפּט איז די טבילה קיין טבילה ניט.

ג) די האָר וואָס זיינען אויף די שווייסיגע ערטער טאָרן אויך ניט זיין צוזאַמענגעקלעבט און אויב זיי זיינען צוזאַמענגעקלעבט איז די טבילה קיין טבילה ניט.

ד) א פרוי וואָס האָט קאַלטינעס און זי האָט מורא די קאַלטינעס פונאַנדער נעמען איז דאָס ניט קיין חציצה.

ה) דאָס אומריינקייט פון די אויגן אַז דאָס איז אויפן אויג פון דרויסן פאַרטריקענט (דאַר) אָדער פייכט איז דאָס א חציצה, דאָס אומריינקייט אָבער וואָס איז אין אויג אינעווייניג איז אויב ס'איז פייכט און ווייך איז דאָס ניט קיין חציצה און אויב ס'איז פאַרטריקענט (דאַר) איז דאָס יאָ א חציצה. אַז ס'האָט אָנגעהויבן ווערן געל אָדער גרין אָדער בלוי איז דאָס אויך א חציצה.

ו) די פאַרטריקענטע בלוט וואָס ס'איז אויף א מכה איז א חציצה, אָבער די מאַטעריע וואָס אין דער מכה איז קיין חציצה ניט.

ז) מאַטעריע פון א מכה וואָס ס'איז ארויס אויפן לייב איז ביז דריי טעג איז דאָס קיין חציצה ניט, נאָך דריי טעג אָבער איז דאָס יאָ א חציצה ווארום ס'איז שוין פאַרטריקענט (דאַר).

ח) אויב מאַטעריע פון דער נאָז איז ארויס אויפן פּנים און ס'איז פאַרטריקענט איז דאָס א חציצה, דארום דאַרף זעהן די פרוי פאַר דער טבילה ארומוואַשן ריין די נאָז. די מאַטעריע וואָס אין דער נאָז איז קיין חציצה ניט מ'דאַרף אָבער אויך אין דער נאָז ריין וואַשן.

ט) אויב א פרוי האָט זיך געלאָזט בלוט פון אַן אָדער איז די ערשטע דריי טעג פון די בלוט לאָזן איז די בלוט קיין חציצה ניט און נאָך די דריי טעג איז דאָס א חציצה כל זמן ס'איז פאַרגליווערט ביז ס'היילט זיך ניט רעכט אויס.

י) א פרוי וואָס האָט אַן אויסשלאַק מוז זי ווייקן דעם אויסשלאַק אין ווארעם וואַסער ביז ס'ווערט צואווייקט און ווייך. פאַרטריקענטע (דאַרע) אויסשלאַק מוז מען אַראָפּנעמען און אַז מ'נעמט ניט אראָפּ איז די טבילה קיין טבילה ניט. דאַריבער זאָגן מיר אָן און וואָרנען, אַז מ'זאָל זיך צופּאַסן און טאָן ווי דער דין.

יא) א פּלאַסטער אויף א מכה איז א חציצה.

יב) אויב א פרוי האָט זיך פאַרשטאָכן אין לייב א האָלץ אָדער א גלאָז אָדער אַן אַנדער זאַך און סשטעקט ארויס פון דאָס לייב, אָדער אפילו ווען ס'שטעקט

hand, and so also the entire body must be immersed in the water over the head.

2) The hair must not be knotted during the immersion; if any hair is knotted, the immersion becomes invalid.
3) The hair which grows in places where the skin perspires must not be matted, lest the immersion be invalid.
4) A woman whose hair is tangled and is afraid to take it apart need not regard it as an interference.
5) The excretion on the outside of the eye, whether dry or moist, is regarded as an interference; inside the eye it is not regarded as an interference if moist, but if dry, it is regarded as an interference. If it begins to turn yellow, green or blue, it is also regarded as an interference.
6) The dried blood upon a wound is an interference, but the matter inside the wound in no interference.
7) Such matter from the inside of a wound which has been discharged upon the body is no interference for the first three days; thereafter it is an interference, since it is already dried.
8) Discharges from the nose which have dried are an interference, wherefore the woman should carefully wash the area around the nose. The secretion inside the nose is no interference, buth the inside of the nostrils should also be cleansed.
9) If a woman has lost blood from a blood vessel, it is not considered an interference during the first three days after the bleeding; thereafter, as long as it is coagulated, it is considered an interference, as the cut is not properly healed.
10) A woman who is afflicted with a scurf must soak it in warm water until it softens. A soft dry scab must be removed, otherwise the immersion is invalid. We therefore strictly admonish every woman to conform to the law in this respect.
11) The plaster upon a wound is an interference.
12) If the woman has contracted a splinter of wood, glass or any other material which protrudes from the skin, or is

ניט ארויס פון דאס לייב נאר מ'זעט דאס גלייך מיט'ן לייב איז דאס א חציצה און מ'מוז דאס פאר דער טבילה ארויסנעמען, אויב אבער ס'איז אין גאנצן מיט דער הויט פארדעקט איז דאס ניט קיין חציצה.

יג) אויב דאס לייב איז איינגעריכט פון שוויס איז דאס קיין חציצה ניט אבער אויב ס'איז ווי פארגלייזט איז דאס א חציצה.

יד) אויב די פרוי האט געריבן איין האנט אן דער אנדערער אדער אן דעם לייב און עס האט זיך באקומען שטיקלאך ווי טייג, איז אויב דאס בלייבט אויפ'ן לייב אדער ס'פאלט אויפן לייב איז דאס א חציצה.

טו) טינט און ליים און בלוט וואס ס'איז אנגעכאפט פעסט אן דעם לייב איז א חציצה אויך פארב אפילו ווען ס'איז פייכטע פארב איז דאס א חציצה.

טז) אומריינקייט אונטערן נאגל איז א חציצה.

יז) די נעגל זיינען א חציצה דאריבער איז אויב די פרוי האט זיך ג'טובלט און זי האט פארגעסן א נאגל אפצושניידן מוז זי אפשניידן דעם נאגל און דער נאך אויף דאס ניי זיך טובל זיין.

יח) אויב די פרוי האט פארגעסן א נאגל אפצושניידן און ס'איז שבת אדער יום טוב זאל זי פרעגן א שאלה וואס צו טאן, אין חול־המועד זאל זי זיך לאזן אפשניידן דורך ניט קיין אידן און אויב זי קריגט ניט באלד, מעג זי זיך אליין אפשניידן נאר זי דארף משנה זיין מיטן אפשניידן וו אנ'אנדער מאל.

יט) אויב זי האט א בלאז אויפ'ן נאגעל און זי קען אים ניט אפשניידן און קען ניט דאס אומריינקייט ארויסנעמען זאל זי פרעגן א שאלה.

כ) מ'מוז אויסרייניקן גוט די ציין, ווארים אויב די פרוי האט זיך ג'טובלת און האט דערנאך געפונען עטוואס קלעפן אין די ציין איז די טבילה קיין טבילה ניט.

כא) דעם טאג וואס די פרוי דארף ביינאכט זיך טובלען זאל זי ניט עסן קיין פלייש דעם גאנצן טאג.

כב) אויב די טבילה קומט אוים שבת צו נאכט אדער יום טוב, מעג זי עסן פלייש, נאר זי זאל גוט אויסרייניקן די ציין.

כג) אויב די פרוי האט ניט אויסגעשווענקט אירע פארבארגענע ערטער און וואו ס'איז דא קנייטשן דערנאך האט זי געפונען א זאך וואס ס'איז חוצץ, איז די טבילה קיין טבילה ניט.

כד) אויב די פרוי האט בשעת טבילה געהאלטן עפעס אין מויל אפילו נאר א האר

even with the surface of the skin, it is an interference and must be removed before the immersion; if, however, it is entirely covered by the skin, it is not an interference.

13) If the skin is soiled by perspiration, it is not an interference; but if it is hardened, it is an interference.

14) If the woman rubs one hand upon the other, or upon the body and doughlike particles appear, which remain on the body or fall on it, it is regarded as an interference.

15) Ink, clay and blood which cleave fast to the skin are an interference. Paint, even when wet, also constitutes an interference.

16) Dirt particles under the nails are an interference.

17) The nails themselves are an interference; hence a woman who has performed immersion, but has forgotten to cut a nail, must cut it now and repeat the immersion.

18) If the woman has forgotten to cut a nail and it is Sabbath or a festival, she must inquire what to do. During the intermediate days of the festivals (chol hamo'ed) she should let her nails be cut by a non-Jew, but if she cannot easily obtain such help, she may do it herself, provided she does it in a manner different from her usual practice.

19) If she has a boil on the nail, so that she can neither cut it nor remove the dirt particles under it, she should make an inquiry.

20) The teeth should be cleaned thoroughly; otherwise, if the woman performs the immersion and afterwards finds a particle adhering to the teeth, the immersion becomes invalid.

21) Throughout the day prior to her immersion the woman should eat no meat.

22) If the immersion occurs on Sabbath night or on a festival, she may eat meat, but should thoroughly clean her teeth.

23) If the woman has not washed her private parts and the folds of her body and has found an interference later on, the immersion is invalid.

24) If the woman has held anything in her mouth during the

אָדער זי האָט בשעת טבילה פעסט געהאַלטן די ליפּן אָדער זי האָט צוגעהאַלטן מיט די הענט וואָס ס'קען קיין וואַסער ניט אַריין איז די טבילה קיין טבילה ניט.

כה) בשעת מבילה זאָל קיינער דער פרוי ניט צוהאַלטן, אויב ס'איז אָבער קיין ברירה ניטאָ מ'מוז איר צוהאַלטן זאָלן די פרויען וואָס האַלטן איר צו פריער די הענט איינטונקען אין מקוה און מיט נאַסע הענט איר צוהאַלטן.

כו) ס'טאָר ניט זיין אונטן אין מקוה קיין דיק ליים, וואָרים אז די פרוי שטייט אויף דעם העלפט ניט די טבילה.

כז) אויב ס'געפינט זיך בלאָטע אָדער שפּענדלאַך צווישן די פינגער פון די פיס העלפט ניט די טבילה.

כח) די טבילה דאַרף ניט פאָרקומען אויף אַ אָפן אָרט וואו מענטשן געהען, ווייל די פרוי וועט זיך איילן טובלען מ'זאָל איר ניט זעהן מ'מילא וועט זי ניט מדקדק זיין זיך גוט טובלען ווי דער דין.

כט) די טבילה דאַרף ניט פאָרקומען גלייך שטייענדיג אָדער גאָר זיצענדיג וואָרום ס'איז דאָ ערטער וואָס דאָס וואַסער קען ניט צוקומען אז מ'טובלט זיך אזוי.

ל) מ'דאַרף זיך אויך ניט שטאַרק איינבייגן נאָר אביסל איינבייגן אזוי ווי מען וועלגערט טייג, כדי דאָס וואַסער זאָל קומען אונטער די הענט און אונטער די ברוסטן.

לא) די הענט און די פיס דאַרף מען האַלטן אין וואַסער פריי אזוי ווי מ'גייט אויף דער גאַס וואָרים אז מ'דריקט צו די הענט אָדער די פיס אזוי אז דאָס וואַסער קען ניט צוקומען העלפט ניט די טבילה.

לב) דאָס וואַסער אין דער מקוה דאַרפן זיין אמווייניגסטן איין פינגער העכער פון דעם נאָפּיל.

לג) בשעת טבילה דאַרף די פרוי ניט שטאַרק צוהאַלטן די אויגן און ניט די ליפּן און אויך ניט איבעריק עפענען און אויב זי האַלט שטאַרק צו אָדער שטאַרק אָפען העלפט ניט די טבילה.

לד) די טבילה זאָל די פרוי ניט מאַכן איילענדיג נאָר לאַנגזאַם מיט ישוב הדעת זי זאָל געדענקען אַלץ וואָס זי דאַרף טאָן ווי דער דין איז און זאָל מאַכן די ברכה מיט שמחה זי זאָל זיך ניט שרעקן און זאָל פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט האָבן, בזכות פון דער גרויסער מצוה וועט איר קיין שלעכטס ניט געשען,

immersion, — even a hair, — or if she has compressed her lips, or closed them with her hands so that no water could enter, the immersion is invalid.

25) During the immersion no one should hold the woman; if however, there is no alternative, the women who hold her should first dip their hands in the basin and hold her with wet hands.

26) There should be no thick clay on the floor of the basin; for if the woman should stand on it, the immersion would be invalid.

27) If there should be mud or wood shavings between the toes, the immersion is invalid.

28) The immersion should not be performed in a public place, where people pass by, for the woman will hasten the immersion in order not to be seen and not be careful to perform the immersion according to the law.

29) The immersion must be performed neither in erect nor in sitting posture, for there are certain parts of the body where the water cannot reach, if the immersion is performed thus.

30) Nor should she stoop too low, but just a little, as when kneading a dough. Thus the water will enter in the armpits and under the folds of the breasts.

31) The hands and feet should be held free in the water, as when walking in the street, for if she presses together the hands and feet so that the water cannot reach them, the immersion is invalid.

32) The water in the basin should extend at least on finger's length above the navel.

33) During the immersion the woman should not close her eyes and her lips, nor open them unduly wide, lest the immersion be invalid.

34) The woman should not perform the immersion hastily but slowly and deliberately so as to remember everything she has to do according to law. She should say the blessing with joy, without trepidation or fear of anything, for because

זי וועט ניצול ווערן פון אלדאָס בייז נאָר זי וועט טאָן מיט ישוב הדעת און מדקדק זיין צו טאָן אלץ ווי דער דין איז, וואויל איז צו איר און וואויל איז צו איר נשמה אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, זי וועט זיכער ערציהען גוטע קינדער תלמידי חכמים.

לה) בשעת טבילה מוז שטיין א אידישע פרוי כדי זי זאָל זעהן אז די טבילה זאָל זיין ווי געהעריג און זי זאָל איר ניט יאָגן אויך זעהן אָז ס'זאָל עפּעס ניט ארויסשפּארן פון דעם וואַסער באַזונדער די האָר זאָלן ניט ארויסשפּארן.

לו) אויב ס'איז עטוואָס א ספק, ס'האָט עפּעס א האָר ארויסגעשוואומען פון אויבן אויף דעם וואַסער, מוז זיך די פרוי נאָך אמאָל טובל זיין.

לז) פאַר דער טבילה דאַרף זיך די פרוי רייניקן, דאָס הייסט משתין זיין און האָבן דעם מאָגן אויב זי קען ריין און אַלע ערטער ריין וואַשן פון יעדע אומריינ־קייט איידער זי איז זיך טובל.

לח) אויב צוויי האָר פון קאָפּ זיינען צונויפגעקלעפּט מיט ליים איז דאָס א חציצה, אויב צוויי האָר פון די אונטערשטע ברעמען פון דעם אויג האָבן זיך אַנגע־קלעפּט אָן די אויבערשטע ברעמען איז דאָס א חציצה.

לט) די פרוי זאָל גוט אָפּוואַשן די שטויב פון די פיס.

מ) ס'איז דאָ אַזעלכע אומפלט וואָס זיינען באַהעפט פעסט אָן דעם לייב צווישן די האָר, מוז מען דאָס פאַר דער טבילה אראָפּנעמען מיט ווארעם וואַסער און אָפּקראַצן מיט די נעגל.

מא) א פרוי דאַרף זיין א צנועה, זי דאַרף געהן טבילה בצנועות קיינער זאָל ניט וויסן דערפון און די וואָס דערציילט איטליכן ווען זי געהט אין טבילה הייסט זי א בהמה.

מב) נאָך דער טבילה טאָר זיך די פרוי ניט באָדן און ניט וואַשן.

---

## סימן יט.

## פאַרשידענע דינים וועגן דער טבילה און די ברכה

א) דאָס אָפּוואַשן פאַר דער טבילה מוז זיין אויף אַלע פאַרבאָרגענע און באַהאַל־טענע ערטער, און נאָר מיט וואַסער ניט מיט אַנדערע געטראַנקען און זי זאָל

of the fulfilment of this great commandment she merits that no evil should befall her, and that she be saved from every misfortune. If only she does it with deliberation, carefully observing all the requirements of the law, all will be well with her and with her soul in this world and in the world-to-come, and she will surely raise worthy and scholarly children.

35) During the immersion a Jewish woman should stand by to see that the immersion is properly carried out and she should not hasten her. She should see to it that no part of the body protrudes from the water, especially the hair.

36) If there is any doubt that one hair may have floated above the water, the woman should repeat the immersion.

37) Before the immersion the woman should relieve her bladder and her bowels, if possible, and cleanse all parts of the body before she enters the basin.

38) If two hairs of the head are pasted together with clay, it is an interference; likewise if two hairs of the lower eyelashes adhere to the upper eyelashes.

39) The woman should carefully wash off the dust of her feet.

40) There are some types of lice which adhere tightly to the skin inbetween the hairs. These must be removed before the immersion with warm water and scraped off with the fingernails.

41) A woman should be modest. She should go to perform the immersion in secret, without anyone knowing of it. The woman who tells everyone when she goes to perform the immersion is likened to a beast.

42) After the immersion the woman should not bathe or wash herself.

---

## CHAPTER XIX.
## MISCELLANEOUS LAWS CONCERNING THE IMMERSION AND THE BENEDICTION

1) The washing before the immersion must extend to all the hidden and concealed parts of the body. It must be done

אלע האר צוקעמען עס זאל ניט זיין אנגעקלעבט איין האר אין דער אנדערער.

ב) דערנאך מוז זי זיך אפשווענקען דעם גאנצן קערפער און דעם קאפ גוט אפ־שווענקען מיטווארעם וואסער און צוקוקען עס זאל אלץ ריין זיין און אלץ גוט אפרייניגען.

די פרוי דארף נזהר צו זיין אז דאס וואסער וואס זי צוואגט זיך און זי באדט זיך זאל זיין ריין ווארעם וואסער ניט מיט קיין זייף, דעריבער זאל זי זיך זייפן און גוט אפרייניגען אין דרויסן מחוץ דער וואננע, נאכהער אריינגיין אין דער וואננע מיט ריין ווארעם וואסער.

ג) דאס צוואגען מיט דעם וואשן זאל ניט זיין מיט קאלט וואסער נאר מיט ווארעם וואסער בפרט דאס צוואגען טאר זי ניט מיט קאלט וואסער בשום אופן:

ד) דאס צוואגען מיט דעם באדן און וואשן זאל זיין בייטאג און אויך נאהנט צו דער טבילה דעריבער זאל זי אנהויבן דאס וואשן ווען עס איז נאך טאג און עס זאל געדויערן ביז נאכט ביז צו דער טבילה:

ה) ווען די טבילה קומט אויס מוצאי שבת זאל זי זיך פרייטיק פארנאכט באדן און וואשן און רייניגן ווי עס דארף צו זיין און מוצאי שבת זאל זי זיך אויפסניי באדן קעמען און וואשן פאר דער טבילה:

ו) ווען די טבילה קומט אויס פרייטיק פארנאכט זאל זי זיך באדן, קעמען, וואשן און רייניגן ווען עס איז נאך גרויסער טאג כדי זי זאל חס ושלום ניט מחלל שבת זיין דערנאך זאל זיווארטן ביז שטערן שטייען און זאל זיך טובל זיין:

ז) נאך דעם ריין מאכן זאל זי ניט נעמען איין קינד אויף דער האנט און זאל זיך אפהיטן זי זאל זיך ניט איינריכטן:

ח) אז זי האט נאך דעם ריין מאכן גענומען איין קינד אויף דער האנט וואס דאס קינד איז ניט ריין פון צואה אדער ליים אדער בלאטע און האט ניט געזעהן דערנאך צו זי איז ריין און האט זיך געטובלת מוז זי נאך אמאל טבילה האבן:

ט) ווען א פרוי האט זיך טובל געווען און האט זיך פריהער ניט גוט צוקעמט כאטש אבצוואר די האר זיינען ניט צוזאמען געקלעבט, איז די טבילה קיין

with water only and not with any other beverage. The whole hair should be combed so that one hair should not adhere to the other.

2) She should then rinse off the entire body, and the head especially, with warm water. She should see whether she is completely clean and clean and cleanse herself everywhere. The woman should take care that the water in which she laves and bathes herself should be clear warm water without soap. Hence, she should first soap herself and cleanse herself outside the tub, and then enter the tub filled with clear warm water.

3) The laving and washing should not be done with cold water but with warm water, especially the laving must not be done with cold water under any circumstance.

4) The laving, along with bathing and washing should be done in the daytime, but also close to the immersion; hence she should start to wash herself, when it is still daylight and continue with it until nightfall, when she performs the immersion.

5) If the immersion occurs on Sabbath night, she should bathe, wash and cleanse herself properly on Friday afternoon, and on Sabbath night she should again bathe, comb and wash herself before the immersion.

6) If the immersion occurs on Friday afternoon she should bathe, comb, wash and cleanse herself while it is yet early in the day, so that she should — G-d forbid — not desecrate the Sabbath. Then she should wait till the stars appear and perform the immersion.

7) After having cleansed herself she should not take a child on her arms and should be careful not to soil herself.

8) If she did take a child upon her arms after having cleansed herself, and the child was not free of excrement, mud or dirt, she must repeat the immersion, if she failed to examine whether she had soiled herself.

9) If the woman performed the immersion without having previously combed her hair, the immersion is not valid,

טבילה ניט און אפילו אז זי האט זיך צוקעמט נאר זי האט זיך ניט בודק געווען דעם קערפער צו ער איז רעכט ריין העלפט אויך ניט די טבילה.

י) מיט דער ברכה זאל זי נזהר זיין ווי דער של"ה הקדוש שרייבט, דאס זי זאל זיך פריהער טובל זיין און דערנאך מאכן די ברכה און דערנאך נאכאמאל זיך טובל זיין, די וואס קען ניט טובל זיין נאר איינמאל זאל זי טאן ווי אין שולחן ערך שטייט אז נאך די טבילה זאל זי מאכן די ברכה:

יא) די וואס זיינען זיך נוהג צוויי מאל טובל צו זיין מוזען ביידע טבילות גוט זיין, כדי ניט מקיל צו זיין:

יב) די וואס זיינען זיך נוהג צוויי מאל טובל צו זיין איז דאס ווי א נדר און מען טאר שוין קיינמאל ניט ענדערן משנה זיין:

יג) ווען זי מאכט די ברכה זאל זי ניט אריין קוקן אין וואסער אריין נאר ארויס, און עס איז גוט און רעכט אז זי זאל ליינן די הענט אויף דעם הארץ ווען זי מאכט די ברכה, דערנאך זאל זי אראפנעמען די הענט און זאל זיי האלטן געוויינטליך אזוי ווי ווען זי גייט:

יד) אויב די פרוי האט אריינגעשטעלטע ציין, וועלכע נעמען זיך ארויס דארף זי פאר דער טבילה די ציין ארויסנעמען און ריין וואשן דעם מויל און זיך טובלען אן די ציין, דאס זעלבע אויב זי האט וואטע אין מויל וועלכע דער דאקטאר לייגט איידער ער מאכט די פלאמבע, דארף זי די וואטע פאר דער טבילה פון מויל ארויסנעמען.

טו) די ברכה וואס זי זאל זאגן ווען זי איז זיך טובל.

## ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על הטבילה.

---

even if her hair was not matted. Moreover, even if she did comb her hair, but did not examine whether her body was completely clean, the immersion is also invalid.

10) Concerning the benediction she should preferably follow the opinion of the sainted Sheloh to perform one immersion first, then say the benediction and finally to repeat the immersion. If she cannot perform the immersion twice, she should follow the Shulchan Aruch in pronouncing the benediction after the immersion.

11) Those who follow the practice of immersing themselves twice, should be careful to perform both immersions properly so as not to be remiss.

12) Those who have adopted the practice of double immersion should regard this as equivalent to a vow and must never deviate from it.

13) While saying the benediction, she should not look into but out of the water. It is proper that she place her hands upon her heart, while pronouncing the benediction; then she should take them off and hold them in a normal position, as in walking.

14) A woman who has a set of artificial teeth which are removable should remove them before the immersion, rinse out her mouth and perform the immersion without the teeth. Likewise, if the dentist has placed a wad in preparation for filling one of her teeth she should remove it before the immersion.

15) Following is the text of the benediction to be said upon the immersion: **BLESSED ART THOU, O LORD, OUR G-D, KING OF THE UNIVERSE, WHO HAST HALLOWED US BY THY COMMANDMENTS AND HAST COMMANDED US CONCERNING THE IMMERSION.**

---



וַיֹּאמֶר בֹּעַז לְנַעֲרוֹ הַנִּצָּב עַל־הַקּוֹצְרִים, לְמִי הַנַּעֲרָה הַזֹּאת (רות ב ה)

Then said Boaz unto his servant that was set over the reapers, Whose damsel ist this? (Ruth 2,5)

# Good Luck for Father and Mother

# געבורט אויסצוג

| NAME | Date Born | Boy or Girl | פדיון הבן | בת מצוה | בר מצוה |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |

# דינים פון פלייש זאַלצן

א) פאַר דעם זאַלצן טוט מען דאָס פלייש איינווייקן אין וואַסער, ניט אין וואַרעם וואַסער נאָר אין קאַלט וואַסער, עס מוז ווייקן א האַלבע שעה, נאָר לכבוד שבת מעג זיין ווייניגער ווי א האַלבע שעה כדי עס זאָל ניט ארויסקומען א חילול שבת:

ב) אז דאָס פלייש איז געפרוירן טאָר מען עס ניט זאַלצן ביז עס גייט אויף, דעמאָלס זאָל מען עס ווייקן דערנאָך זאָל מען ערשט זאַלצן:

ג) זאַלצן דאָס פלייש מוז מען אויף אַלע זייטן מען זאָל ניט איבערלאָזן א ליידיג שטיקל אָרט אין פלייש אָן זאַלץ, עופות מוז מען זאַלצן אויסענווייניג און אינווייניג:

ד) פאַר דעם זאַלצן מוז דאָס פלייש א ביסל אָפּרינען פון דעם וואַסער, כדי דאָס זאַלץ זאָל ניט צוגיין, אז מען זאַלצט פלייש ביינאַכט מוזמען זאַלצן ביי ליכט מען זאָל זעהן עס זאָל ניט בלייבן א שטיקעל פלייש ליידיג:

ה) נאָך דעם ווייקן פאַר דעם אַלצן מוז דאָס פלייש אָפּשוויינקען פון דעם ווייק וואַסער:

ו) ווען נאָך דעם ווייקן פאַר דעם זאַלצן האָט מען דאָס פלייש צושניטן אפילו מ'האָט נאָר א שטיקל אָפּגעשניטן דערפון מיט א מעסער מוז מען דאָס גאַנצע שטיק פלייש וועלכע מען האָט צוטיילט אויפסניי אביסל ווייקן און גוט אָפּ־שווענקען און דערנאָך זאַלצן:

ז) מען דאַרף ניט זאַלצן מיט גאַנץ דינעם זאַלץ און אויך ניט מיט גאָר גראָבן זאַלץ, נאָר מיט מיטעלן זאַלץ טרוקענעם זאַלץ פון דעם זאַלץ מיט וועלכן מען זאַלצט פלייש טאָר מען ניט אראָפּנעמען מיט א מילכיג כלי אָדער מילכיג מעסער:

ח) דאָס פלייש זאָל ליגן אין זאַלץ א שעה נאָר לכבוד שבת ווען מען האָט מורא מען זאָל ניט מחלל שבת זיין איז גענוג א האַלבע שעה:

ט) נאָך דעם זאַלצן פאַר דעם אָפּגיסן זאָל מען דאָס פלייש גוט אָפּשאָקלען פון דעם טרפה זאַלץ און דערנאָך אָפּגיסן און דערנאָך וואַשן אין איין כלי און דערנאָך ווידער אָפּגיסן:

י) אין דער כלי וואָס מען שווענקט איבער דאָס פלייש נאָך דעם זאַלצן, זאָל מען פריהער אָנגיסן וואַסער און דערנאָך אריינלייגן דאָס פלייש שווענקען.

יא) אז מען האָט ניט א באַזונדער כלי צום זאַלצן וועלכעם האָט פיר היפשע לעכער, מעג מען זאַלצן אויף איין אָפּגעהיבליוועט ברעט, און מען זאָל עס לייגן א ביסעל העכער פון איין זייט.

## LAWS CONCERNING THE SALTING OF THE MEAT

1) Before salting, the meat must be soaked in water — not in warm, but in cold water. It must soak for half an hour except when the meat is to be used in honor of the Sabbath, where a shorter period is permissible in order to prevent a desecration of the Sabbath.
2) If the meat is frozen, it must not be salted until it has thawed. Then it should be soaked and only then it is ready for salting.
3) The meat must be salted on all sides, no part being left free of salt. Fowl must be salted outside and inside.
4) Before salting, the water must be allowed to run off a little so that the salt should not be dissolved. At night one should perform the salting by two lights to make certain that no part of the meat remains unsalted.
5) After soaking, the water in which the meat was soaked, must be rinsed off.
6) If one has sliced the meat after soaking it but before the salting, or if one has cut off even a small piece, the whole piece which has been cut up must again be soaked a little and rinsed off; then it may be salted.
7) Salting should not be done with salt that is either too fine or too coarse, but with a medium grained salt which is dry. One should not use a dairy (milchig) utensil or knife to take out any salt which is set aside for salting meat.
8) The meat should remain in the salt for one hour, but when the meat is to be used on the Sabbath and one is afraid that a desecration of the Sabbath may ensue, half an hour is sufficient.
9) After salting and before rinsing, the salt which is now ritually unfit (t'refah), should first be shaken off. Thereupon the meat should be rinsed once, then washed in a vessel and rinsed again.
10) One should pour some water into the vessel to be used for the washing of the meat before the meat is placed in it.
11) If one does not possess a special utensil for salting with

יב) טייל זאלצן אויף שייטלעך האַלץ, מוז מען זעהן עס זאָל ניט זיין אין שייטעל האָלץ קיין שום גריבלאַך, ווייל דאָס בלוט קען זיך דאָרט עטוואָס פאַרהאַלטן, און אַז דאָס בלוט פאַרהאַלט זיך אַ ביסל איז אַ שאלה:

יג) פלייש וואָס איז געלעגן דריי מעת לעת אומגעזאַלצן און אומגעווייקט טאָר מען עס שוין ניט זאַלצן צום קאָכן נאָר מען מוז עס שוין בראָטן אויף דעם פייער ניט אין קיין כלי. אַז מען האָט דאָס פלייש איבערגעווייקט אַ ביסל אָדער מען האָט עס גוט אָפּגעגאָסן פאַר דריי מעת לעת פון דעם שעכטן מעג מען דאָס פלייש האַלטן ווייטער דריי מעת לעת ווינציקער איין שעה:

יד) אַז דאָס פלייש איז געלעגן דריי מעת לעת אום אָפּגעגאָסן, און מען האָט עס געבראָטן אויף דעם פייער ווי דער דין איז, טאָר מען ניט נאָך דעם בראָטן דאָס פלייש קאָכן, נאָר עסן געבראָטן:

טו) ווען מען האָט פאַרגעסן און געלאָזט ליגן דאָס פלייש ווייקן פאַר דעם זאַלצן איין גאַנצן מעת לעת איז דאָס ווי טרפה און מען זאָל פרעגן אַ שאלה, אַז מען האָט געלאָזט ליגן דאָס פלייש אין זאַלץ צוועלף שעה זאָל מען אויך פרעגן אַ שאלה, אַז דער דריטער מעת לעת קומט אויס שבת אָדער יום טוב זאָל מען פרעגן אַ שאלה ווי אַזוי אָפּצוגיסן:

טז) ווען דאָס פלייש וואָס ליגט אין זאַלץ איז אַריינגעפאַלן אין שעפיל אָדער אויף דער ערד, מוז מען פרעגן אַ שאלה:

יז) ווען מען זאַלצט אַ קעפּל מוז מען דאָס קעפּל אויפמאַכן און צעשניידן אויף צווייען עס ווייקן ווי אויבן איז געשטאַנען און דערנאָך זאַלצן אויף אַלע זייטן, אַז מען האָט ניט צושניטן דאָס קעפּל מוז מען פרעגן אַ שאלה:

יח) די קלאָען פון פוס מוז מען אונטן אָפּהאַקן ביז מען זעהט אַרוים פלייש מיט בלוט, און ווען דער פוס ליגט אין זאַלץ זאָל מען עס שטעלן מיט די קלאָען אַראָפּ כדי דאָס בלוט זאָל אָפּרינען, אַז מען האָט פאַרגעסן אָפּצוהאַקן די קלאָען זאָל מען פרעגן איין שאלה:

יט) ביינער וואָס זיינען גאָר אַז פלייש נאָר זיי זיינען פעטע ביינער זאָל מען זאַלצן באַזונדער ניט צווישן פלייש:

four well-sized apertures, it is permissible to use a well-planed board which should be raised at one end.

12) There are some who use logs for salting the meat, in which case there should be no depressions in the logs, where the blood might be temporarily retained. If the blood should thus be retained it necessitates an inquiry.

13) Meat which has been left unsalted and unsoaked for three times twenty-four hours may not be salted any longer for the purpose of cooking, but it must be broiled on the open fire and not in a vessel. If the meat has been soaked a little or if it has been thoroughly rinsed off before the expiration of the three times twenty-four hours after slaughtering, one may keep the meat for another such period less one hour.

14) If the meat has been left unrinsed for three times twenty-four hours and has been broiled over the fire according to law, one may not cook it afterwards, but it must be eaten broiled.

15) If one has forgotten and allowed the meat to soak for twenty-four hours before the salting it is to be regarded as unfit (t'refoh) and one should make an inquiry. One should also make an inquiry if one has left the meat in the salt for twelve hours. Furthermore, one should seek instruction concerning the rinsing off, if the third twenty-four hour period falls on a Sabbath or a festival.

16) If the meat falls into a washbasin or on the floor during the salting it necessitates an inquiry.

17) For the purpose of salting, the head must be opened up and split in half, whereupon it must soaked as previously explained and salted on all sides. If one has failed to split open the head, an inquiry is in order.

18) The hoofs must be cut at the bottom until the meat which contains the blood appears. During the salting the leg should be placed with the hoofs down, so that blood may flow out. If one has forgotten to cut the hoofs, an inquiry should be made.

כ) דאס הערצל מוז מען פאר דעם זאלצן עפענען און צושניידן, אז מען האט פארגעסן צו צושניידן מוז מען פרעגן א שאלה:

כא) די מילץ מוז מען פריהער טרייבערן ווי דער דין איז פאר דעם זאלצן, אז מען האט זי ניט געטרייבערט מוז מען פרעגן א שאלה:

כב) די אייער וואס מען געפינט אין עופות סיי פארטיגע סיי ניט פארטיגע סיי געלבליכער מוז מען זאלצן כדין נאר באזונדער ניט מיט פלייש, אז מען האט געזאלצן די אייערלאך נעבן פלייש מוז מען פרעגן א שאלה:

כג) לעבער טאר מען ניט זאלצן און קאכן נאר בראטן אויף דעם פייער:

כד) אז מען בראט אויף דעם פייער א לעבערל מיט אייערלאך פון א הון זאל מען נזהר זיין ניט צו לייגן די לעבער אויף די אייערלאך:

כה) אז מען האט פארגעסן אין דער הון דאס לעבערל, אדער דאס הערצל און מען האט אזוי געזאלצן זאל מען פרעגן א שאלה:

כו) נאך דעם בראטן מוז מען די לעבער אפגיסן, און אויך יעדעס פלייש וואס מען בראט אויף דעם פייער אום געזאלצן מוז מען דערנאך אפגיסן:

כז) ווען מען לייגט עס בראטן דארף מען עס אויף דעם פייער א ביסל צו באזאלצן:

כח) ווען מען בראט לעבער אויף דעם פייער אבער אומגעזאלצן פלייש מוז עס זיך אזוי אפבראטן אז די מערהייט מענשן זאלן עס קענען עסן, מעג מען עס שוין דערנאך קאכן:

כט) למען השם זאל מען נזהר זיין אז מען בראט פלייש אומגעזאלצן אדער לעבער זאל מען דאס לייגן אויף ברענענדיגע קוילן ניט אויף דער לידיגער הייסער קיך ווארום עס ווערט טרפה:

ל) אז מען האט געשאכטן א הון אדער א גאנז און ס״איז געווארען טרפה און עס איז דרינען געוועזן איין פארטיק הארט איי איז דאס איי אויך טרפה, און כאטש מען פארקויפט אדער מען שענקט דאס הון צו איין גוי, אבער דאס איי טאר מען ניט פארקויפען ווייל טאמער וועט דער גוי דאס איי פארקויפן א איד, נאר מען זאל פריהער דאס איי צוברעכן און אויסגיסן.

לא) מען דארף נזהר זיין ניט צו קויפן קיין אייער וועלכע זיינען אויףביידע זייטן רונד קיילעכדיג, אדער אויף ביידע זייטען שפיציג, דען זיי זיינען פון טמא׳נע עופות.

לב) מען דארף ניט קויפן ביי איין גוי קיין זויער אויבסט געשניטענס אדער געשניטענעם חריין.

19) Bones which have been stripped of the meat but have marrow in them should be salted apart from the meat.
20) The heart should be opened and cut before the salting. If one has forgotten to cut it, an inquiry must be made.
21) The veins of the spleen must be removed according to the law (treibern) before salting it. If one has failed to do this, an inquiry must be made.
22) Eggs found inside the fowl, whether fully developed or not, or even egg yolks must be salted according to the law, but apart from the meat. If one has salted them with the meat an inquiry must be made.
23) Liver may not be salted and cooked, but must be broiled at the open fire.
25) If one has forgotten to remove the liver or the heart from the fowl and salted it in this state, an inquiry must be made.
26) The liver must be rinsed off after it has been broiled. The same applies to any meat broiled at the open fire without previous salting.
27) After placing it over the fire one should salt it a little.
28) When liver or unsalted meat are broiled on the fire, it shoud be left to broil to the state where a majority of people would consider it fit to eat. Thereupon it may be cooked.
29) One should, in G-d's Name, take care to place the liver or the unsalted meat which are to be broiled over the flaming coal, not on the empty hot plate, which would make them unfit (t'refoh).
30) If one finds a fully developed egg inside a chicken or a goose which has become unfit in slaughtering, the egg, too, is unfit. If one intends to sell or give away the fowl to a non-Jew the egg should first be broken and cast away to prevent it's being resold to a Jew.
31) One should take care not buy eggs which are equally round at both ends or pointed at both ends, for they come from unclean fowl.
32) One must not buy sliced sour fruit or cut horseradish from a non-Jew.

# דינים פון חלה נעמען

א) די מצוה פון חלה נעמען האבן אונזערע חכמים מזכה געווען די פרוי זאל די מצוה טאן דעריבער דארף זי די נויטיקע דינים וויסן:

ב) דער שיעור פון חלה זאל זיין איין שטיקל טייג גרויס ווי איין איי:

ג) אז מען האט פארקנעטן א טייג פון ווייצן מעל, אדער קארן מעל, אדער האבער מעל, אדער גערשטן מעל, מער ווי צוויי מיט א האלבע קווארט מוז מען שוין נעמען חלה און מאכן א ברכה:

ד) אויך ווען מען האט אויסגעמישט עטליכע מעלן צוזאמען אדער עטליכע טייגלאך פון פארשידענע מינים און צוזאמען איז דא א שיעור חלה מוז מען נעמען חלה:

ה) מען טאר ניט ספעציעל פארקנעטן איין קלענער טייג ווי דער שיעור איז, כדי ניט דארפן אראפנעמען חלה. ווען מען האט אבער ניט אזוי פיל דארף מען ניט ספעציעל זוכן צום חלה נעמען. לכבוד שבת און יום טוב דארף אבער יעדע פרוי נזהר זיין צו פארקנעטן אזוי א טייג עס זאל זיין א שיעור צו קענען נעמען חלה:

ו) ווען מען קנעט טייג צום קאכן דארף מען ניט נעמען קיין חלה, נאר מען קען אבער נעמען חלה אן א ברכה אדער צולייגן צו אן אנדער טייג וואס איז צום באקן און נעמען חלה פון יענעם טייג מיט א ברכה:

ז) ווען מען פארקנעט א טייג צום קאכן נאר מען וויל א שטיקל פון דעם טייג באקן אפילו א קליין שטיקל מוז מען שוין נעמען חלה פון דעם גאנצן טייג מיט א ברכה:

ח) ווען מען קנעט א טייג מיט בלויזע אייער זאל מען אריינטאן א ביסל וואסער אויך כדי צו קענען נעמען חלה מיט א ברכה כדין.

ט) מען טאר ניט צוטיילן איין גרויס טייג און פון איטליכן שטיק זאל נעמען איין אנדערע פרוי חלה. דאס טאר מען ניט בשום אופן.

י) ווען מען האט פארקנעטן באזונדער צוויי טייגן און מען לייגט זיי דערנאך אין איין מולטער אדער אויף איין ברעט און מען דעקט זיי צו מיט א טישטוך

## LAWS CONCERNING THE TAKING OF CHALLOH

1) Our sages have assigned the fulfilment of the commandment concerning the taking of challoh to the women, hence they should be familliar with the laws pertaining thereto.
2) The quantity of dough to be removed as challoh should be the size of an egg.
3) Challoh must be taken and the benediction pronounced if one prepares a quantity of dough from wheat, corn, oat or barley flour larger than two an a half quarts.
4) If one has mixed various kinds of flour or ready-made dough of various kinds and together they yield the minimum quantity, challoh must also be taken.
5) One should not purposely prepare a dough of less than the minimum quantity in order to avoid the taking of challoh. If, however, there is not a sufficient amount at hand there is no need to procure any more. In preparing for the Sabbath or the festivals, on the other hand, every woman should take care to prepare enough dough to facilitate the taking of challoh.
6) If the dough is prepared for cooking purposes no challoh need be taken. One may, however, take the challoh without pronouncing the benediction or place it beside another dough which is to be used for baking and take the challoh from the other dough over which the benediction may be pronounced.
7) If the dough is prepared for cooking purposes, but a part of the dough, even a small portion, is to be baked, the taking of challoh becomes obligatory and the benediction may be said.
8) If a dough is to be kneaded with eggs only, a little water should be added, so that challoh may be taken with the benediction according to the law.
9) It is absolutely against the law to divide a large dough into several portions so that different women should take challoh from each.
10) If two doughs have been kneaded separately, one may place

מעג מען נעמען חלה פון איין טייג איז מען שוין אויך מוציא דאס אנדערע טייג, דאס זעלבע קען מען אויך טאן אפילו נאך דעם באקען.

יא) ווען אין יעדן טייג אדער געבאקענעם איז דא א שיעור דארף מען ניט באדעקן נאר עס גענוגט אז איין טייג זאל אנרירען דאס אנדערע:

יב) ווען צוויי טייגן געהערן צו צוויי פרויען כאטש מען האט זיי געלייגט אינ־איינעם מוז מען נעמען פון איטלעכן טייג באזונדער חלה:

יג) ווען מען מאכט איין זויער טייג כדי עס זאל יעהרען פארשידענע טייגן פון דעם זויער טייג מוז מען נזהר זיין ניט נעמען קיין חלה פון דעם גאנצן זויער טייג. נאר יעדער שטיקל זויער טייג צו לייגן צו זיין טייג און חלה נעמען דעמאלסט אין איינעם פון טייג מיט דעם שטיקעל זויער טייג, דעם דין דארפן אלע פרויען וויסן:

יד) די ברכה פון דער חלה איז אזוי:

## ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו להפריש חלה.

---

## דינים ומנהגים

א) א פרוי מוז נאך מער נזהר זיין זיך אפגיסן דריי מאל געביטן די הענט ווען זי שטייט אויף פון בעט, ווייל זי באשעפטיגט זיך מיט עסנווארג:

ב) צום ברויט עסן מוז א פרוי זיך אויך וואשן מיט א גאנצער כלי און אלע דינים ווי א מאן:

ג) דאווענען מוז אויך די פרוי נאר עס איז ניט קיין חיוב דער גאנצער סדר התפילה. דער עיקר איז זי זאל זאגן איין געבעט צו השם יתברך מיט דעם גאנצן הארצן איז גענוג.

them into one bowl or upon one board, cover them with a cloth and take challoh from one dough, thereby absolving the other dough. This may be done even after the baking has been done.

11) If each dough or baked food contains a quantity sufficient to require the taking of challoh by itself, one need not cover them, and it is enough if one touches the other.

12) If two quantities of dough belong to two women, challoh must be taken from each separately, although they have been placed side by side.

13) If one prepares one leaven to ferment a number of quantities of dough, care should be taken not to take challoh from the entire leaven, but each peace of leaven should be placed with its dough, and challoh should then be taken from each dough together with its piece of leaven. This law should become familiar to every woman.

14) The following is the benediction on the challoh:

**BLESSED ART THOU, O LORD OUR G-D, KING OF THE UNIVERSE, WHO HAST HALLOWED US BY THY COMMANDMENTS AND HAST COMMANDED US TO SEPARATE THE CHALLOH.**

---

## MISCELLANEOUS LAWS AND CUSTOMS

1) The woman should take special care to perform the threefold alternate ablution of the hands upon arising from bed, since she is occupied in preparing the food.

2) Before eating bread, the woman, too, like the man, must wash her hands with an undamaged vessel and in accordance with all the pertinent laws.

3) The woman, too, must offer prayers; however, she need not recite the complete order of service. The principal requirement is to offer at least one prayer before G-d with all her heart and it will be deemed sufficient.

ד) ווען א פרוי עסט ברויט מוז זי אויך א מוציא מאכן און בענטשן און אלע ברכות וואס מען דארף מאכן איבער עסן און דאסגלייכן:

---

## דינים פון ליכט צינדן שבת און יום טוב

א) די פרויען דארפן נזהר זיין פרי ליכט צו צינדן און די וואס זיינען נזהר וועלן זוכה זיין צו האבן קינדער תלמידי חכמים.

ב) ווען די פרוי האט איין שבת פארגעסן ליכט צו צינדן מוז זי שוין דעם אנדערן שבת צינדן א ליכט מער און אזוי זאל זי זיך שוין שטענדיג נוהג זיין:

ג) א יולדת, זיינען טייל פרויען זיך נוהג אז דער מאן בענשט ליכט און טייל פרויען לאזן שטעלן די ליכט נעבן בעט און בענטשן אליין. דעמאלס מוזן די בענטש ליכט בלייבן נעבען איר בעט שטיין, ווייל אוועקנעמען די בענטש ליכט פון איין ארט צום אנדערן טאר מען קיינמאל ניט:

ד) ווען איר ליל טבילה קומט אויס פרייטיק פארנאכט, איז דאס בעסטע אז דער מאן זאל אליין בענטשן ליכט כדי צו פארמיידן חילול שבת און ברכה לבטלה:

ה) אויב די פרוי האט פארגעסן צו מאכן די ברכה איבער ליכט צינדן, איז דער דין אזוי, איז נאך טאג מעג זי נאך מאכן די ברכה, אבער אז מען טאר שוין אין דער צייט ניט צינדן קיין ליכט טאר זי שוין ניט מאכן קיין ברכה דען עס וועט זיין א ברכה לבטלה:

ו) די ברכה פון ליכט צינדן איז:

**ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק נר של שבת;**

(אין יום טוב **להדליק נר של יום טוב**)

4) The woman must also say the blessing over the bread (hamotzi), the grace after meals and all the benedictions over food, etc.

---

## LAWS CONCERNING THE LIGHTING OF THE CANDLES ON SABBATHS AND FESTIVALS

1) Women should take care to light the candles early. Those who will follow this rule are worthy to have scholarly offspring.
2) If the woman has forgotten to light the candles for one Sabbath, she should kindle an additional light on the following Sabbath and maintain lighting it thenceforward.
3) In the case of a woman in confinement, some women follow the custom to let their husbands bless the lights, others have the candles placed near the bed and bless the lights themselves. In the latter case the lights must remain near the bed, since it is never permissible to move the lights over which the blessing has been pronounced from one place to another.
4) If the wife's immersion is due on Friday afternoon, it is best that the husband should bless the lights in order to avoid a desecration of the Sabbath and the pronouncement of a benediction in vain.
5) If the woman has forgotten to say the benediction over the kindling of the lights, the following rule should be observed; if it is still daylight, she may still say the benediction; if, however, the time has already come, where she would not be allowed to kindle the lights, she should not say the benediction any longer, since it would be a benediction pronounced in vain.
6) The following is the blessing over the kindling of the lights: **BLESSED ART THOU, O LORD OUR G-D, KING OF THE UNIVERSE, WHO HAST HALLOWED US BY THY COMMANDMENTS, AND HAST COMMANDED US TO KINDLE THE LIGHTS OF THE SABBATH. (On festivals: TO KINDLE THE LIGHTS OF THE FESTIVAL.)**

ז) ווייל ביי אלע מצות מוז זיין די ברכה פאר די מצוה, דא אבער ווען זי וועט מאכן די ברכה פאר דעם צינדן איז זי שוין מיט דער ברכה מקבל שבת טאר זי שוין ניט קיין ליכט צינדן. איבער דעם האבן אונזערע גדולים איין עצה געגעבן זי זאל פריהער אנצונדן דערנאך זאל זי נעמען די הענט פאר די אויגן זי זאל דאס ליכט ניט זעהן און ניט קיין הנאה האבן פון די ליכט, און מאכן די ברכה, דערנאך נעמט זי אוועק די הענט און זעהט די ליכט, הייסט שוין ווי מען מאכט די ברכה פאר דער מצוה.

ח) פאר דעם ליכט בענטשן זאל די פרוי זאגן די תפלה:

## תפילה פאַר ליכט בענטשן

יהירצון עס זאָל זיין דער ווילן פון דיר גאָט אונזער גאָט און דער גאָט פון אונזערע עלטערן אברהם יצחק ויעקב אַז דער זכות פון אונזערע עלטערן זאָל ביישטיין אויף מיר און אויף מיין מאַן און אויף מיינע קינדער און אויף מיין הויז־געזינד עס זאָל אויף אונז געצווינגן ווערן די שעפי פון ברכה און חיים טובים ושלום און פרנסה טובה והצלחה און גאָט זאָל אונז געבן עושר וכבוד ואריכת ימים ושנים און זאָל געבן אַ רפואה שלימה צו אַלע קראַנקע פון ישראל, און איך זאָל זוכה זיין צו קינדער תלמידי חכמים וואָס זאָלן עוסק זיין בתורה ומצות, און זאָלן לאַנג לעבן און די ברכה פון אברהם יצחק יעקב זאָל אויף אונז קומען און דער זכות פון מצוה ליכט צינדן אויף שבת זאָל אונז ביישטיין, אמן:

ט) נאך שרייבן אונזערע הייליגע ספרים, אז ווען זי מאכט די ברכה און האלט צו די אויגן זאל זי אויך מתפלל זיין בכוונה פאר השם יתברך ער זאל איר געבן בנים זכרים זיי זאלן לייכטן אין דער הייליגער תורה, דען השי"ת איז אלע תפלות מקבל, ובפרט בשעת מצות הדלקת נר של שבת:

7) In all other cases the benediction precedes the performance of the commandment; here, however, if the woman should say the benediction before kindling the lights, she would thereby automatically initiate the Sabbath rest and could not light the candles any longer. Hence, our sages have counselled to light the candles first, then to cover the eyes with the hands, so as not to see lights and to derive no benefit from them; thereupon, to pronounce the benediction and finally to remove the hands and to behold the lights, which may be regarded as if the benediction had been pronounced prior to the performance of the commandment.

8) The woman should recite the following prayer before blessing the lights:

**May it be Thy will, O Lord our G-d and G-d of our forefathers, Abraham, Isaac and Jacob that the merits of our ancestors stand by me, by my husband, by my children and by the members of my household in drawing upon us the abundance of Thy blessing, of a good and peaceful life, of sustenance and prosperity. May G-d grant us wealth, honor and length of life, and may He send perfect healing unto all the sick in Israel. May I be worthy to raise children, who will be disciples of the wise, who will be occupied with the study of the law and the fulfilment of the commandments, and who will enjoy long life. May the blessings of Abraham, Isaac and Jacob come upon us, and may the merit of kindling the Sabbath lights stand by us. Amen.**

9) Our sacred books further enjoin the woman devoutly to pray to G-d while closing her eyes after the benediction, that G-d may grant her male off-spring who will shine in the study of the holy Torah, for while G-d receives all prayers, those pronounced during the kindling of the Sabbath lights are especially efficacious.

י) די פרוי וואס האט שוין ליכט געבענשט טאר ניט טאן קיין מלאכה, ווייל זי האט שוין אויף זיך מקבל געווען שבת קודש:

יא) די פרוי איז מחויב אויסצוהערן ווי דער מאן מאכט קידוש. ווען דער מאן אדער קיין דערוואקסענער מאנספערזאן איז ניט דא זאל זי אליין קידוש מאכן:

יב) קידוש מוז מען מאכן אדער אויסהערן נאר אויף דעם ארט וואו מען עסט:

יג) פרויען דארפן שבת אויך מאכן המוציא איבער צוויי חלות, נאר זיי זיינען יוצא מיט דער המוציא וואס דער מאן האט געמאכט. אז דער מאן איז ניטא דארף זי אליין מאכן המוציא איבער צוויי חלות.

יד) הבדלה דארפן פרויען הערן און יוצא זיין פון מאן, אז ניט טאר זי ניט טאן קיין מלאכה. ווען זי קען ניטווארטן אויף דעם מאן זאל זי אליין מאכן די ברכה המבדיל בין קודש לחול:

טו) די פרויען וועלכע האבן קליינע קינדער און זיי רעכטן זיך איין, טאר מען ניט שבת שווענקען זייערע ווינדלען דאס איז א גרויסע עבירה.

טז) מען טאר ניט שבת זאלצן קיין שלאטן אדער אוגערקעס צושניטענע, כדי זיי דערנאך אויסקוועטשן:

יז) מען טאר ניט שבת קערן די שטוב מיט קיין בעזים נאר מיט א בארשט: מען טאר ניט דאס בעט בעטן שבת בייטאג אויף מוצאי שבת:

יח) די מצוה פון שלש סעודות זיינען פרויען אויך מחויב:

יט) מען זאל נזהר זיין און מען זאל אויך די קינדער מזהיר זיין ניט צו זייפן זיך אין שבת:

10) Once the woman has blessed the light, she must cease all work, for she has thereby initiated the holy Sabbath.

11) It is obligatory for the wife to listen attentively while the husband recites the Kiddush. If the husband or any other adult male are not present, she should recite the Kiddush herself.

12) Kiddush should be said, or listened to, exclusively at the place where the meal is taken.

13) Women, too, are required to pronounce the blessing over the bread (hamotzi) on the Sabbath over two challos; however, they are absolved of the duty by the benediction which the husband pronounces. In the absence of the husband she herself should pronounce the blessing over two challos.

14) The woman should hear the Havdoloh (prayer at the outgoing of the Sabbath) from her husband and thereby be absolved of the duty, otherwise she may not resume her work. If she cannot wait for her husband, she herself should recite the blessing, ". . . who distinguishest between the sacred and the profane . . ."

15) Women with small children must not wash diapers on the Sabbath, which would constitue a serious transgression.

16) It is prohibited on the Sabbath to salt salads or cucumbers, for the purpose of subsequently squeezing them out.

17) One may sweep the floor on the Sabbath not with a broom, but only with a brush. One must not make the beds on the Sabbath in preparation for Sabbath night.

18) Women, too, are required to partake of the third Sabbath meal.

19) Care should be taken, and the children should be accordingly instructed, not to use soap on the Sabbath.

## דינים פון יום טוב

א) מען מוז נזהר זיין יום טוב ניט צו מאכן פייער דורך אנרייבן א שוועבעלע דאס איז א גרויסער חילול יום טוב:

ב) מען טאר ניט קאכן פון דעם ערשטן טאג יום טוב אויף דעם אנדערן, סיידן מען נוצט עפעס דערפון דעם ערשטן טאג:

ג) ווען זי וויל דעם ערשטן טאג יום טוב באקן אדער קאכן אויף דעם אנדערן מוז זי פרעגן א שאלה ווי זי זאל זיך נוהג זיין.

---

## LAWS CONCERNING THE FESTIVALS

1) Care should be taken not to kindle a fire on the festival by striking a match, which would constitute a serious desecration of the festival.

2) It is not permissible to cook on the first day of the festival in preparation for the following day, unless some of the food is used on the first day.

3) If the woman does wish to bake or cook on the first day of the festival for the following day, she should inquire as to the proper procedure.

---

# דינים פון מילה

די מצוה פון מילה איז א טייערע מצוה. דער פאטער וואס איז זוכה דערצו דארף זיך פרייען דעם טאג און מאכן א סעודה.

אפילו ער איז ארעם און האט שוין א סך קינדער זאל ער ניט זארגן. ווייל דאס קינד ברענגט זיך מיט די פרנסה.

אז דער פאטער קען ניט אליין מלה זיין זאל ער נעמען א מוהל וואס איז אן ערליכער איד און ווייסט אלע דינים פון דעם.

א טאג פאר דער מילה זאל דער מוהל גיין זעהן דאס קינד אויב עס איז געזונט.

דער פאטער זאל מאכען דעם מוהל איין שליח מלה צו זיין דאס קינד און ער זאל אליין ארויפלייגן דאס קינד אויף דער שוים פון סנדק און זאל דערלאנגען דעם מוהל דאס מוהל מעסער און זאל שטיין ביי דעם מלה זיין.

דער מוהל מאכט די ברכה אשר קדשנו במצותיו וצונו על המילה און הויבט אן מלה צו זיין און דער פאטער זאל מאכן די ברכה אשר קדשנו במצותיו וצונו להכניסו בבריתו של אברהם אבינו. און דער עולם זאל ענטפערן אז און זאגן כשם שנכנס לברית כו'.

נאך דעם מלה זיין זאל איינער זאגען די ברכה אשר קדש ידיד כו' אזוי ווי עס שטייט אין סידור.

אז א קינד איז געשטארבן פאר דעם מלה זיין זאל מען עס מלה זיין ביי דעם קבר אן א ברכה און עס געבן דארט א נאמען.

א קינד וואס ווערט געבוירן צווישן טאג און נאכט זאל מען פרעגן א שאלה ווען מען זאל עס מלה זיין.

# דינים פון פדיון הבן

א ישראל וואס האט א אינגל וואס ער איז א בכור צו דער מוטער. היינו די מוטער האט נאך ניט געהאט פאר אים קיין קינד, איז דער פאטער מחויב צו מאכן א פדיון הבן. היינו ער זאל געבן א כהן פינף זילבערנע דאלער אויסלייזונג פאר דעם זון. דעם פדיון הבן מאכט מען ווען דאס קינד איז שוין אלט מער פון דרייסיג טאג. היינו דעם איינענדרייסיגסטן טאג אז ער פאלט אוים שבת מאכט מען זונטיק.

אז מען האט ניט קיין זילבערן געלט מעג מען געבן וועלכע עס איז זאך וואס איז ווערט פינף זילבערנע דאלער. וועקסלען אדער באנק צעטלען זאל מען ניט געבן, ווייל מען איז ניט יוצא מיט זיי.

דער וואס וויל טאן די מצוה ווי עס קער צו זיין זאל נעמען א כהן וואס קען לערנען און זאל אים געבן די פינף דאלער מיט דעם גאנצן הארץ און ניט אפצונעמען דערנאך.

א כהן אדער א לוי דארף ניט מאכן א פדיון הבן. דעסגלייכן אז די מוטער פון דעם קינד האט א פאטער א כהן אדער לוי דארפן אויך ניט מאכן א פדיון הבן.

## ראש השנה

דער ערשטער טאָג אין חודש תשרי איז דער ערשטער טאָג פון יאָר (ר"ה פּרק א׳, משנה א׳). ראש השנה איז אדם הראשון באַשאַפן געוואָרן און די עקרות שרה, רחל און חנה זיינען אויפגעריכט געוואָרן (ר"ה י"א און פּסיקתא דרב כהנא).

ראש השנה איז דער טאָג ווען אַלע מענטשן־קינדער ווערן געמשפּט אויפ׳ן גאַנצן יאָר, ווי דער פּסוק (דברים י"א) זאָגט: „מראשית השנה ועד אחרית השנה" (ר"ה ח׳). בראש השנה יכתבון וביום צום כפּור יחתמון" (מחזור). ר"ה ווערט דער הימלישער דין אָנגעשריבן און יום כפּור ווערט ער פאַר׳חתמ"עט. דערפאַר איז תשרי מזל מאזנים (וואָגשאָל), א רמז אַז די מענטשליכע מעשים ווערן גע־לייגט אויף דער וואָגשאָל בעת׳ן משפּט"ן זיי. רופן זיך דעריבער די טעג „ימים נוראים", פאַרכטיגע טעג וואָס דאַרפן זיין געווידמעט צו תשובה און מעשים טובים.

## דינים און מנהגים

ערב ר"ה שטייט מען אויף פאַרטאָג צו זאָגן סליחות פון „זכור ברית". נאָכ׳ן דאַווענען מאַכט מען התרת נדרים. מען איז זיך נוהג צו גיין מתפּלל זיין אויף קברי צדיקים און נאָכהער איז מען זיך טובל אין מקוה. מען צינדט ליכט פאַר זון־אונטערגאַנג; פאַר׳ן צינדן מאַכט מען צוויי ברכות: להדליק נר של יום־טוב און שהחיינו. אין שול נאָך מנחה זאָגט מען די תפלה „אחות לנו קטנה". מען דאַווענט מעריב ווי אין מחזור. נאָך מעריב, ביים גוט יו"ט זאָגן, ווינטשט מען זיך: „לשנה טובה תכתב ותחתם (צו א פרוי תכתבי ותחתמי) לאלתר לחיים טובים."

אין הויז מאַכט מען קידוש און מען פּראַוועט די יו"ט סעודה לויט די טראַ־דיציאָנעלע מנהגים: די מוציא טונקט מען איין אין האָניג; נאָכ׳ן ערשטן כזית עסט מען א שטיקל עפּל איינגעטונקען אין האָניג (מיט דער ברכה: בורא פּרי העץ) און מען זאָגט: יהי רצון מלפניך ה׳ אלקינו ואלקי אבותינו שתחדש עלינו שנה טובה ומתוקה. מען עסט אויך דעם ירק וואָס רופט זיך „כרתי" און מען זאָגט דעם יהי רצון ובו׳ שיכרתו שונאינו; מען עסט „סילקי" (יהי רצון וכו׳ שיסתלקו שונאינו); מען עסט „רוביא" (יהי רצון וכו׳ שירבו זכיותנו); מען עסט אויך א שטיקל ראש כבש (שעפּסן־קאָפּ) און מען זאָגט: יהי רצון וכו׳ שנהיה לראש ולא לזנב.

עס איז א מצוה צו לערנען ביים טיש די פיר פּרקים משניות פון מסכת ראש השנה און נאָך דער סעודה בענטשט מען מיט גרוים כונה. בכלל דאַרף מען זיך

## ROSH HASHANAH

The first day of Tishri is the first day of the year (Talmud Rosh Hashanah 1). Adam was created on that day, and then, too Sarah, Rachel, and Hannah, previously barren, conceived (Pesikta d'Rav Kahana).

On Rosh Hashana all men are judged for the entire year — "from the beginning of the year even unto the end of the year" (Deut. XI, 12). "On the first day of the year it is inscribed, and on the Day of Atonement the decree is sealed," says the High Holiday pray-book. During Tishri all the acts of men are weighed in the balance. For this reason the days embracing Rosh Hashanah and Yom Kippur are known as Yamim Noraim, Days of Awe, devoted to repentance and good deeds.

The New Year's Day is regarded as the beginning of the period of divine judgement of mankind, and penitence and moral regeneration. In the Bible it is described as the Day of the Sounding the Shofar (ram's horn). The sound of the Shofar blown on that day consists of a series of three distinctive blasts in which a succession of quivering notes is preceded and followed by a long immemorial as proclaiming God's universal sovereignty; calling men to repentance and recalling them to the Law as a prelude to the Messianic Redemption. These three aspects of the Shofar find expression in three intermediate conclusions of each of which the Shofar is sounded. The three benedictions are designated Malchiyoth (invocations of Kingship), Zichronoth (Remembrances), and Shofaroth (Trumpets) — the trumpets sounded at the revelation at Sinai and the Shofar which is to herald the advent of Messianism. Messianism and its associated universal ideas of world-salvation and world-redemption form the highest point in the introduction of passages in the Amidah, in which prayer is offered for God's universal sovereignty over

אויפפירן ביים טיש מיט גרויס דרך־ארץ און יראת־שמים און דערקלערן די קינדער די באדייטונג פון דעם הייליגן יום־טוב.

מען שטייט אויף גאנץ פרי או מען גייט אין שוהל פארצוזעצן די תפלות פון טאג מיט גרויס כונה.

די הויפט־מצוה פון ר"ה איז תקיעת שופר וואס פאנגט זיך אן פאר מוסף (תקיעות דמיושב) און ווערט פארגעזעצט ביז סוף חזרת הש"ץ פון מוסף. מען דארף פארזיכטיג זיך צוהערן צו אלע תקיעות און מען טאר ניט מפסיק זיין צווישן זיי ביז'ן סאמע ענדע. נאכ'ן דאווענען ווינטשט מען זיך גוט יו"ט מיט'ן צוגאב פון א „גמר חתימה טובה" און מען גייט אהיים מיט שמחה מקיים זיין די סעודת יו"ט.

ר"ה בייטאג איז לויט"ן ירושלמי ניט רעכט צו שלאפן ווייל מען פארשלאפט דעם מזל. זאל מען זיך דעריבער נאך דער סעודה עוסק זיין אין לערנען אדער זאגן תהלים ביז מנחה. נאכ'ן דאווענען מנחה בצבור גייט מען זאגן תשליך ביים טייך אדער אן אנדער וואסער ברעג אלס סימבאל פון „ותשליך במצולות ים כל חטאתם" (מיכה ז').

אין צווייטן טאג ר"ה ווערט אויסער תשליך ווידערהאלט אלץ ווי אין ערשטן טאג מיט קליינע ענדערונגען אין די תפלות ווי עס איז אנגעדייט אין מחזור.

# עשרת ימי תשובה

די טעג צווישן ראש השנה און יום כפור רופן זיך עשרת ימי תשובה. עס ווערט אינדערפרי און פארנאכט געזאגט אבינו מלכנו און לדוד אורי, און אין שמונה עשרה זאגט מען „זכרנו", מי כמוך, המלך הקדוש, המלך המשפט, וכתוב און בספר חיים. אויב מען פארגעסט עפעס דארף מען פרעגן ביי א רב ווי זיך נוהג צו זיין.

דער שבת צווישן ר"ה און יו"כ איז שבת שובה און דארף אפגעהיט ווערן מיט גרויס פארזיכטיקייט און אויסגענוצט ווערן פאר תורה און תפלה אלס א גוטע התחלה פאר אלע שבתים פון יאר. מען דארף הערן די דרשות פון די רבנים וועלכע זיינען געווידמעט פאר התעוררות לתשובה ולמעשים טובים.

# ערב יום כפור

די נאכט פאר ערב יום כפור שלאגט מען כפרות, מיט א האן פאר א זכר און א הוהן פאר א נקבה. די שוואנגערע פרוי נעמט צוויי כפרות א האן און איין הוהן. די כפרות לייזט מען אויס מיט געלט און מען גיט עס אוועק פאר צדקה (סדור דרך חיים). אינדערפרי ביים דאווענען זאגט מען ניט קיין מזמור לתורה, תחנון, למנצח יענך און אויך ניט קיין אבינו מלכנו. ערב יו"כ איז א גרויסער יו"ט און עס איז א מצוה צו עסן און טרינקען. די סעודות

man and nature, and for the coming of the golden age when all mankind shall recognize God's Kingdom, 'and form a single band to do the divine will with a perfect heart'.

## LAWS AND CUSTOMS

On the day before Rosh Hashanah Jews are expected to wake before dawn to recite the penitential prayers (Selichot), "Zachor Berith." After the morning prayers there is dissolution of vows. Many go to offer prayer at the graves of the righteous dead, and then to bathe ritually in the mikvah. Candles are lit before sundown, with two benedictions—"to kindle the light of the festival" and Shehecheyanu. In synagogue after Minchah the prayer is recited that begins with the phrase of the Song of Songs, "We have a little sister." The Maariv is found in the Machzor. The formula of greeting is, "May you be inscribed (and sealed) for a good year".

At home kiddush is chanted and the traditional festival meal is eaten. The bread that is blessed is first dipped in honey, after this bite one partakes of a bit of apple dipped in honey, with the blessing over fruit. Thereby God is asked to give us a good and sweet New Year. Various foods are also eaten, with appropriate hopes for prosperity, the confusion of our enemies, and leadership, to be granted by the Lord.

It is considered a divine command to study at the table the four chapters of the Mishnah of Rosh Hashanah. Grace after meals is recited with great fervor. In general those at the table are expected to conduct themselves with all etiquette and fear of the Lord, while the children are told the meaning of this holy period.

One awakes very early, to continue the prayers with full devotion.

The chief command of Rosh Hashanah is the sounding of the shofar, or ram's horn. This begins before Mussaf and is continued during the cantor's repetition. The worshipper must listen attentively to each blast, and there must be no interruption of

פון דעם טאָג ווערן פאַררעכענט ווי א תענית (ר"ה ט'). עס איז א גרויסע מצוה צו גיין טבילה נאָך האַלבן טאָג. פאַרנאַכט, נאָך די שמונה עשרה פון מנחה זאָגט מען על חטא, נאָכהער אבינו מלכנו. מען גיט צדקה פאַר אַלע וויכטיקע אינסטי־טוציעס פאַר וועלכע עס ווערן אָוועקגעשטעלט אין די שוהלען די „קערות ערב יום כפור". מען גייט אַהיים עסן די סעודה המפסקת. ביים ליכט־בענטשן זאָל מען פריהער אָנצינדן די ליכט און דערנאָך מאַכן די צוויי ברכות: להדליק נר של יום הכפורים און שהחיינו. פאַרן גיין אין שוהל בענטשן די עלטערן די קינדער אַז זיי זאָלן גיין בדרך התורה און זיין פרומע אידן יראי השם.

## יום כפור

מען דאַרף זיין שטאַרק נזהר ניט צו וואַשן דעם פנים אין דעם מעת־לעת פון יום כפור (די הענט וואַשן בלויז איבער די פינגער) און ניט צו טראָגן קיין שיך. די דאָזיגע צוויי זאַכן זיינען פון די חמשה ענוים וואָס זיינען אסור מן התורה. דער תענית פון יום כפור איז פאַרבונדן מיט אן איסור פון כרת ר"ל (אין פאַל פון א שווערן חולה, דאַרף מען הערן דעם דאָקטאָר'ס מיינונג און נאָכהער פרעגן א שאלה ביי א רב).

יום כפור דער טאָג פון התימת הרין (וביום צום כפור יחתמון) דאַרף דורכאויס אויסגענוצט ווערן פאַר תשובה, תפלה און צדקה. דאָס לעצטע דאַרף איבערהויפט קומען צום אויסדרוק ביי דער תפלה פון יזכור, וואו אין אַלע שוהלן ווערן געמאַכט אַפילס פאַר פאַרשידענע תורה און צדקה־אַנשטאַלטן פון אַמעריקע, אייראָפּע און ארץ ישראל, און מען דאַרף זיך אָפּרופן מיט א וואַרעמע האַרץ און ברייטע האַנט. אויסער דעם אינדיווידועלן יזכור איז היינט ליידער צוגעקומען דער קאָלעקטיווער יזכור פאַר די מיליאָנען אידישע קדושים וואָס זיינען אומגעקומען על קידוש השם און מיט דער יזכור־צדקה דאַרפן מיר צוריק אויפבויען דאָס חרוב־געוואָרענע.

## סוכות

סוכות איז דער יום טוב אין היסטאָרישן אָנדענק פון דער ערשטער פרייהייטס־סטאַנציע נאָך יציאת מצרים: „כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים". דער דאָזיגער יום טוב רופט זיך אויך חג האסיף, ווייל אין אַט דער צייט, ענדע זומער, פלעגט מען איינזאַמלען אין ארץ ישראל די תבואות פון די פעלדער. סוכות איז דער „זמן שמחתנו".

די מצות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן יום טוב זיינען 1) מצות סוכה. פאַר גאַנצע זיבן טעג דאַרף מען פאַרלאָזן די הויז און זיך אריינקלייבן אין סוכה דאָרט צו עסן און שלאָפן און זיך פרעהען מיט ג־ט'ס מצוה. 2) די מצוה פון „נעמען די פיר מינים": אתרוג, הדסים און ערבות און יעדן טאָג פון יום טוב מאַכן אויף זיי די ברכה פון „על נטילת לולב". דעם ערשטן טאָג אויך שהחיינו.

any kind until the end. The worshippers wish one another "Gut Yom Tov!" and "May you be sealed for good!" after which all go home for the next festival meal.

In Palestine it is said that one must not slumber on the day of Rosh Hashanah, lest one dissipate one's good fortune thereby. Therefore one should study or recite Psalms after the meal, until Minchah. After the congregational Minchah, all resort to a river bank or other body of water to repeat the "Tashlikh"—after formula in Micah VII, "And Thou wilt cast all their sins into the depths of the sea."

The ritual of the second day, except for Tashlikh, is repeated from the first, except for minor differences as recorded in the Machzor.

## TEN DAYS OF PENITENCE

The days comprising Rosh Hashanah and Yom Kippur are called the Ten Days of Penitence. In the morning and evening "Avinu Malkenu" is said, as well as the Psalm "LeDavid Ori." There are a number of changes in the silent prayer, as can be seen in the prayerbook. If any of these varied phrases is forgotten during worship, inquiry concerning procedure must be made of a rabbi.

The Sabbath between the two holy days is called the Sabbath of Repentance. It is to be observed with devotion, and employed in study and prayer as a good beginning for all the year's Sabbaths. Then the sermons of the rabbis are to be hearkened to; they are dedicated to arousing errant souls to repentance and deeds of goodness.

## EVE OF YOM KIPPUR

The night before Yom Kippur one makes symbolic atonement by use of roosters for men and hens for women. Souls are redeemed from punishment by the giving of charity (Siddur Derekh Chaim). In the morning there is no Mizmor Letodah, Tachnun, Lamnatzeach, or Avinu Malkenu. The day before Yom Kippur is in the nature of a festival, when it is commanded

to eat and drink well. Festive meals on that day have the same value as the later penitential fasting. It is also a sacred deed to immerse oneself after noon. For Minchah one recites the Al Chet —confession of sins — and also Avinu Malkenu. Plates are set in the vestibule of the synagogue for donations to all worthy institutions of learning and charity. Then one returns for the final meal. The candles are lit, with the benediction "to kindle the light of Yom Hakippurim" and Shehecheyanu, spoken after the lighting. Before returning to the synagogue, parents bless their children, that they go in the ways of the Torah and learn to fear the Lord.

## YOM KIPPUR

It is forbidden to wash one's face during the period of fasting; only the fingers of the hands may be washed. Shoes must not be worn. These are among the five "afflictions" prescribed by the Torah. Failure to fast on Yom Kippur is punishable by excision (God cuts the offender off from his people). In case of illness, one should take counsel from physician and rabbi.

Yom Kippur is the day when judgement is sealed. It is to be employed solely for repentance, prayer, and almsgiving. This last must be fully implemented when the memorial prayers are recited, when in all synagogues appeals are made for institutions of learning and philanthropy in America, Europe and Israel. A generous donation is expected from every worshiper. This year, we are sadly confronted with the need not alone to express the mourning of individuals for their own, but also the collective mourning for the millions of our people who died to sanctify God's name. We must rebuild the devastated ruins of our people.

The Day of Atonement (Yom Kippur), which is the culmination of the penitential period, is the chief of all festivals, not excepting Passover. The Bible describes it as a day given up to self-affliction (fasting) and solemn sacrifice. The Hight Priest was to atone first for himself and his household, and then for the priests, and lastly, for all Israel. The culminating act was the sending of the scape-goat into the wilderness and the pro-

nouncement of the pardon of the people. With the cessation of the sacrificial system, the Day of Atonement lost none of its solemnity as a day of self-affliction and of contrition, repentance, and confession for all trespasses, both ritual and moral. The confession of the high priest for himself, priests, and people, is carried over into the synagogue Musaf liturgy (Avodah), which brings before the congregation the course of the Temple service on the Day of Atonement. The confession, repeated at each Amidah both by the individual and congregation in unison as a mark of collective responsibility, forms the most characteristic feature of the service of the day. Significantly enough for the socio-ethical significance of the Day of Atonement is the fact that the Liturgy of the Day practically excludes from the confession (Vidduy) ritual trespass; and the prophetic reading selected for the day is Isaiah lviii, with its resounding call: 'Is not this the fast that I have chosen? to loose the bands of wickedness, to undo the heavy burdens, and to let the oppressed go free and that ye break every yoke? Is it not to deal thy bread to the hungry, and that thou bring the poor that are cast out to thy house? when thou seest the naked, that thou cover him; and that thou hide not thyself from thine own flesh?' This is further emphasized by the reading in the Book of Jonah in the afternoon service in which the turning away 'from the violence that was in their hands' was the call to the penitence which averted the evil decree from the people of Nineveh; and in the concluding service Neila which declares the object of confession to be that 'we may stay our hands from violence'. Confession, to be effective, demands two things: regret for past misdeeds and good resolve for the future. But mere confession in the case of social sins is not enough. It must be preceded by the making of amends, and restitution to the person wronged, the reconcilliation of man unto God being made dependent on his reconciliation to his fellow man. The fast is incumbent on all — males and females over thirteen years and twelve years respectively — though in the case of sick people, pregnant and nursing women, it is a matter of medical advice or the feelings of the person concerned.

אין דער אַלטער היים, בפרט אין ארץ ישראל, האָט יעדער איד זיך אויפגעבויט זיין אייגענע סוכה מיט דער הילף פון זיינע קינדער וועלכע האָבן די סוכה שיין דע־קאָרירט. די ווענט זיינען באַצירט געוואָרן מיט שיינע טעפּיכער און אויף זיי זיינען אויסגעהאַנגען געוואָרן פאַפּירענע בלומען, אַרטיסטישע „מזרחים" אד"ג. פון אונטער דעם סכך זיינען אַראָפּגעהאַנגען די שיינע פרוכטן פון די שבעת המינים; דער טיש איז געווען באַדעקט מיט די שענסטע זילבערנע כלים און די שיינקייט האָט ממש פאַרכאַפּט דאָס אויג. דאָ אין אַמעריקע איז די דאָזיקע מצוה ליידער היבש פאַרנאַכלעזיגט געוואָרן. יחיד׳ישע סוכות זיינען פאַראַן זעהר ווייניג, מען פאַרלאָזט זיך מערסטענס אויף דער שוהל־סוכה וואו מען קומט בלויז אַריין קידוש מאַכן, און דאָס אויך נאָר אַ קליינער פּראָצענט . . .

די מצות סוכה, זאָגט דער באַרדיטשעווער רב, איז אַנדערש פון אַלע מצות דערמיט וואָס דער איד קריכט אין איר אריין אַזש מיט זיינע שטיוול, און די סוכה באַשיצט זיין גאַנצן גוף ווי אַמאָל די ענני הכבוד אין דער מדבר צו וועלכע די סוכה איז טאַקע אַ סימבאָלישער אָנדענק.

פערצן סעודות איז אַ איד מחויב צו עסן אין סוכה, צוויי סעודות אַ טאָג. ביי יעדער סעודה דאַרף מען אויסער די ברכת המוציא אויך מאַכן די ברכה לישב בסוכה. די ערשטע און צווייטע נאַכט אויך שהחיינו (די ערשטע נאַכט פריהער לישב בסוכה און דערנאָך שהחיינו, און די צווייטע נאַכט פאַרקערט). ביים אַריינ־קומען אין סוכה זאָגט מען דעם „סדר האושפיזין", אַ טראַדיציאָנאַלע דעמאָנסטראַ־טיווע איינלאַדונג צו די אבות און משה, אהרן, יוסף ודוד אַלס די „געסט" אין סוכה, יעדער טאָג געווידמעט צו איינעם פון זיי אַלס דער הויפּט פון די אושפיזין.

יעדער פרימאָרגן ביים בענטשן אתרוג דאַרף מען נעמען דעם לולב אין דער רעכטער האַנט און דעם אתרוג (מיט׳ן פּיטום אַראָפּ) אין דער לינקער האַנט. נאָך דער ברכה על נטילת לולב דרייט מען איבערע דעם אתרוג מיט׳ן פּיטום אַרויף און מען מאַכט די „נענועים" אין די פיר זייטן און מעלה ומטה. אויך די דאָזיגע מצוה איז אַ היבש ביסל פאַרנאַכלעסיגט דאָ אין אַמעריקע, און זעהר ווייניג יחידים האָבן זייער אייגענע אתרוג און לולב, כאָטש דאָס איז דאָך זיכער ניט שווער אויס־צופירן. כדאי צוריק אויפלעבן די דאָזיקע מצוה, און ביים איינקויפן דעם אתרוג איז טאַקע אגב כדאי צו קויפן דוקא אַן ארץ ישראל אתרוג און אַזוי אַרום מקיים זיין צוויי מצוות מיטאַמאָל: די מצות אתרוג און די מצוה פון אויפהאַלטן דעם ישוב אין ארץ ישראל.

סוכה און אתרוג אַלס הויז־מצוות זיינען אויך שטאַרק מסוגל איינצופלאַנצן די דאָזיקע מצוות אין די הערצער פון די יונגע קינדער און זיי צוציהען מער צו אידישקייט.

אין פאַרלויף פון דער סוכות־וואָך ווערט יעדע נאַכט געפּראַוועט „שמחת בית השואבה" (דעם געדאַנק און כאַראַקטער דערפון געפינט מען אין מסכת סוכה

The services of the day close with the sevenfold proclamation of God's unity in the rallying-cry, 'The Lord, He is God' uttered by Israel of old on Mount Carmel, and with the sounding of the Shofar announcing the termination of the fast.

## SUCCOTH

Succoth is the festival commemorating the first free settlement of Israel following the Exodus: "that I made the children of Israel to dwell in booths, when I brought them out of the land of Egypt" (Lev. XXII, 43). The festival is also called Chag Ha-asif, Feast of the Ingathering, since it takes place at the end of summer, when the Palestinian produce was harvested in the fields. And it is known as Zeman Simchasenu, Time of Our Rejoicing.

The several commandments bound up with the feast include: 1) Succah. For seven days Jews are required to leave the confines of their homes, and gather within the booths, there to eat and sleep and rejoice over God's bounty; 2) the Four Species. These are the Esrog (citron), Lulav (palm branch), Hadassim (myrtle) and Aravoth (willow). Each morning of the festival, except the Sabbath, one must recite the benediction over the species, "who hast commanded us concerning the taking of the Lulav." On the first day the blessing over the new, Shehecheyanu, is added.

In other lands, particularly in Palestine, it was the custom for each Jew, aided by his children, to erect and decorate his own Succah. The walls were covered with fine tapestries, further adorned with clusters of paper flowers, artistic illustrations for the east wall (Mizrach), and other ornaments. From beneath the vegetation covering the slatted roof hung the comely fruit of the "seven kinds." The table was decked with fine silver. All was most beautiful. In America, unfortunately, this command has been largely neglected. There are very few succoth owned by individuals. As a rule the worshiper turns to the synagogue succah, which he enters only to recite the sanctification over the wine (kiddush)—and there are not many who observe even to that extent.

און אין שולחן ערוך). אויך אין דאזיקן באצוג איז ארץ ישראל אן אויסנאם, הויפטזעכליך אין די חסידישע שולן וואו שמחת בית השואבה ווערט געפראוועט נאכט־איין, נאכט־אויס מיט גרענעצלאזער התלהבות און אינספיראציע.

אין פארלויף פון סוכות זאגט מען יעדן טאג נאך הלל (מאנכע נאך מוסף) הושענות. חול־המועד מעג מען נאר טאן אזעלכע מלאכות וואס זיינען א „דבר האבוד" און קענען ניטווארטן אויף נאך יום־טוב (די דעטאלן פרעגט ביי א רב).

דער זיבעטער טאג סוכות איז הושענא רבה. לויט די מקובלים איז עס דער „קוויטל־טאג" וואס מ'באקומט פון הימל א קוויטל אויף דער גמר חתימה טובה פון יום־כפור. דערפאר איז טאקע הושענא רבה א היבש ביסל יום־כפור'דיג אין כאראקטער. די נאכט פריהער איז מען וואך אין שוהל; מ'לייענט גאנץ ספר דברים און מען זאגט אויס גאנץ תהלים. ביים דאוונען אינדערפרי איז דער חזן אנגעטאן אין ווייסן קיטעל. מען זאגט א סך הושענות און מען מאכט הקפות ארום דער בימה. נאכהער קלאפט מען מיט דער הושענא וואס באשטייט פון פינף ערבות־ריטלער, פינף מאל אויף דער ערד, זאגענדיג דערביי דעם פסוק: קול מבשר מבשר ואומר.

## שמיני עצרת און שמחת תורה

דער אכטער טאג סוכות איז שמיני עצרת וועלכער איז לויט חז"ל א באזונדער יום טוב פאר זיך אליין. אין די תפלות און אין בענטשן זאגט מען „ביום שמיני עצרת החג הזה". ביינאכט נאך מעריב איז מען זיך נוהג אין מאנכע שוהלן צו גיין מיט הקפות (דאס איז אין כבוד פון ארץ ישראל וואו שמיני עצרת מיט שמחת תורה זיינען ביידע אין איין טאג). ביים קידוש און אזוי אויך ביים ליכט־בענטשן מאכט מען שהחיינו. מען מאכט קידוש אין סוכה אן דער ברכה פון לישב בסוכה.

אינדערפרי פאר מוסף איז מען מזכיר נשמות. נאכדעם רופט דער שמש אויס: משיב הרוח ומוריד הגשם וואס קהל זאגט עס שוין אין דער שטילער שמונה עשרה פון מוסף. אין חזרת הש"ץ בענטשט מען גשם מיט'ן טראדיציאנעלן נגון. מען עסט אין סוכה אן לישב בסוכה. פארנאכט נעמט מען אפשייד פון דער סוכה און מען זאגט יהי רצון וואס איז געדרוקט אין סדור און אין מחזור. צו מנחה הערט מען אויף זאגן לדוד אורי.

מען איז זיך נוהג אפצוגעבן כבוד דעם רב און דער עולם פארזאמלט זיך אין זיין הויז נאך מנחה וואו מען האלט זיך אונטער לכבוד יום־טוב און נאכהער פירט מען דעם רב אין שוהל אריין מיט טענץ און געזאנג.

ביינאכט איז „שמחת תורה". מען דאוונט מעעריב ווי אין ערשטן טאג. נאך מעריב פראוועט מען די הקפות מיט גרויס שמחה און נאכדעם לייענט מען אין דער תורה דריי קרואים. די קריאה איז לויט פארשידענע מנהגים (שולחן ערוך און אחרונים). פאר די הקפות פארקויפט מען „אתה הראית" און דער קויפער איז מכבד פסוקים־ווייז די חשובי הקהל.

The uniqueness of the commandment concerning the succah, says the Rabbi of Berdichev, is that each Jew occupies it as a living room, so that it gives protection to his entire body, like the clouds of glory in the wilderness, of which the succah is a symbolic representation.

Each Jew is required to eat fourteen meals in the succah, two each day. In addition to the benediction over bread, one must also recite that concerning sitting in the succah—"Leshev Besuccah." On the first two nights he adds the "Shecheyanu" blessing (this precedes the succah blessing on the second night). On entering, one recites the "Seder Haishpuzin," a traditional invocation to join as guests in the succah to the patriarchs, and to Moses, Aaron, Joseph, and David. Each of these has his special evening to be the chief guest.

In the morning the lulav, or palm-branch, is held in the right hand and the esrog (with its end protuberance aloft) in the left. After recitation of the blessing on taking the lulav, the protuberance is turned down, and the objects are shaken toward all four directions, as well as on high and downward. This particular rite is much neglected in this country; very few individuals obtain their own esrog and lulav, though they are not difficult to purchase. It would be well to revive the custom, and in doing so buy a Palestinian esrog, so that the additional command of sustaining the Jewish settlement have special power to incline the hearts of youth toward Judaism and its observances.

During the festival on each evening one observes the "Simchat Beth Hashoevah"—rejoicing of the house of the drawing of water. (This is fully explained in the Talmud Succah and in the Shulchan Arukh.) Especially noteworthy is the observance in Israel, where the hassidic synagogues in particular carry it out with wild enthusiasm.

Also during Succoth, after the Hallel (song of praise) or after Mussaf (the additional prayer), there are daily recitations of the "Hoshaanot," the prayers beginning, "Save, we beseech Thee!" During the intermediate days of the festival one may

perform only such labors as are completely essential and cannot await the end of the holiday. (The rabbi may be consulted for details).

The seventh day of Succoth is called Hoshaana Rabbah. The kabbalists deem it the final day of reckoning allowed by Heaven on Yom Kippur for ultimate judgment of the individual. Hence this day has much of the character of Yom Kippur. The night before is spent at the synagogue in wakefulness; the books of Deuteronomy and Psalms are read entire. At morning devotions the cantor dons a white kittel. Many hoshaanot are recited, and circuits made about the reading platform. Thereafter the event is signalized by the beating of five willow branches against the floor or benches, while the worshipers exclaim the verse, "A voice heralds, heralds and saith!"

The Festival of Booths (Succoth) is celebrated on the fifteenth of Tishri (September-October) and lasts for seven days. It is designated 'The Season of our Rejoicing.' As the close of the Ingathering Season, it was in olden days an occasion of joyous thanksgiving to God, the dispensed of all things, and was observed principally by the four plants — the Ethrog (citron), the Lulab (palm branch), myrtle and willow — which were waved in concert, in all directions of the compass, upward and downward, to the accompaniment of the recital of psalms and hymns, and carried in procession round the altar. Another feature of the celebration in Temple times was the water-drawing for libation on the altar, in prayer for the autumnal rains which are due at this season. To this ceremony, held amid great rejoicings, has been attached a spiritual significance: 'Therefore with joy shall ye draw water out of the wells of salvation'. Many sacrifices, too, were offered during the seven days, seventy in number, corresponding to the seventy nations of which mankind is said to consist, and on whose behalf Israel sought atonement from God. With the destruction of the Temple whatever observance that could be detached from the Temple service was not allowed to disappear. Thus the handling of the four plants is

observed to the present day at home as well as at the synagogue, where the procession around the reading desk takes the place of that around the altar. Reference to the special sacrifices of the festival is included in the Musaf service, whilst a glimpse of the ceremony of water-drawing — in its spiritual interpretation — is recaptured in the special rejoicings of the festive week.

The historical associations of the festival are commemorated by specially erected branch-covered booths in which meals are taken during the seven days.

Joy is the dominant keynote of the festival. This joy is not, however, without its deep religious significance. The joy of the feast is a religious duty and it is bound up with the study of the Torah, and never meant a surrender to the rulling of the senses. This spirit of the festival is specially reflected in the seventh day known as Hoshannah Rabbah, which, in its prayers recited during the procession seven times, with the four plants round the reading desk, and in the all-night vigil in the study of the Torah, is an echo both of the Day of Atonement and the Festival of the Relation; and this very spirit is carried over to the closing feast, the eighth day of Assembly, Shemini-Atzereth, with which is connected the Rejoicing of the Law, a celebration from which the ninth day observed outside Palestine derives its name — Simchath Torah. On this day the reading of the annual cycle of the Pentateuch is completed, and immediately resumed anew from the beginning. Those who have the signal honour of being called up to the conclusion and beginning are designated respectively 'the Bridegroom of the Torah' (Chathan Torah), and 'the Bridegroom of the Beginning' (Chathan Bereshith). The celebration is marked by processions with Scrolls of the Law around the reading desk, and the caling up of all boys under thirteen of the reading the Torah under an improvised capony formed by a Tallith. The intermediate days between the first and last days of Succoth are known as Chol Hamoed (week-days of the festival), and are semi-festivals on which no work except of an urgent nature is permitted.

## SHEMINI ATZERETH AND SIMCHATH TORAH

The eighth day of Succoth is called Shemini Atzereth — is termed by the sages a distinct festival. In prayers and grace after meals the formula is included, "on this eighth day Feast of Solemn Assembly." On the evening, after the regular evening prayer (Maariv), many synagogues have the custom of making ceremonial circuits of the synagogue — in keeping with the Palestinian custom of observing this and the festival of Simchath Torah as one day. For kiddush and kindling of the lights the Shehecheyanu is recited. Kiddush is said in the succah, but without the benediction ending "Leshev Besuccah."

In the morning there are memorial services before Mussaf. Thereaffter the shamash announces "Mashiv huruach umorid hageshem" — "Thou causest the wind to blow and the rain to fall" —which is included in the silent prayer of Mussaf. In the cantor's repetition the section called Geshem — rain — is chanted according to traditional manners. Worshipers eat in the succah, again without reciting the "Leshev Besuccah." At twilight one bids the succah farewell, and recites the "Yehi Ratzon" — "May it be Thy will" — printed in the daily and festival prayerbooks. In the afternoon prayers the psalm "LeDavid Ori" is no longer read.

It is the custom on this day to do the rabbi honor. The congregation assembles in his home after the afternoon prayer, where there is some light amusement in honor of the festival; after this the rabbi is conducted to the synagogue with song and dancing.

**SIMCHATH TORAH** begins in the evening. The regular Maariv is recited. Then comes the oft-repeated parade with the holy scrolls about the synagogue, with joy and laughter, after which three men are called to the reading of the Torah. The readings vary, as expounded in the Shulchan Arukh and other legal tomes. Before the circuits the right to read the paragraph "Atta Haretha" is auctioned; and the purchaser assigns the

reading of individual sentences to important members of the congregation.

The morning services has the same prayers and reading of Hallel as the day previous. Before the additional recital of "Atta Haretha" not alone is the right to read this paragraph auctioned or sold, but also the honors of becoming Bridegroom of the Law and Bridegroom of Genesis. The circuits with the scrolls follow. "The entire male congregation is called up for reading from the final Pentateuchal portion, "Vezoth Haberakah." Boys under thirteen are called up with an adult, with the added phrase, "and all the boys". They are covered by a Tallis, and after the reading the congregation exclaims the passage "Hamalach Hagoel" which contains the phrase, "aall the boys." A canopy of a Tallis is also held over the Bridegroom of Genesis (who begins the cycle of Pentateuchal readings) ; In Israel the same custom applies to the Bridegroom of the Law (who previously has been called to the end portion). After prayers the Bridegrooms provide refreshments of wine and dainties for the congregation; the rest of the day is expended in eating and drinking, joy and song.


## CHANUKAH

Chanukah is the Jewish national festival commemorating a miracle that took place 2115 years ago, in the days of the Second Temple. At that time the brutal Syrian government, through repressive edicts and persecutions, sought to destroy the Jewish soul and do away with the Jewish Torah. The government was assisted in its machinations by many treacherous assimilationists in Israel, and the peril was very great. Then arose a group of heroes of the Hasmonean family, headed by Judas Maccabeus, who fought with utmost self-sacrifice against both inner and outer enemies. In the end the small group of patriots won a resounding victory over the vast hosts of the foe.

Following this occurred the miracle of the tiny cruse of oil, found hidden in the desecrated Temple, still with the seal of the High Priest, and hence not impurified like the remaining oil. This remnant of sacred fuel, enough to last but one day, was miracul-

אינדערפרי דאַווענט מען שחרית און מען זאָגט הלל ווי נעכטן. פאַר אתה הראית איז מען זיך נוהג צו פאַרקויפען חתן־תורה און חתן־בראשית און מען פאַרקויפט נאָכאַמאָל אתה הראית. נאָכהער פּראַוועט מען די הקפות. מען לייענט די סדרה וזאת הברכה און מען טיילט אויס עליות צו גאַנץ קהל. קינדער אונטער דרייצן יאָר ווערן אויפגערופן צו דער תורה מיט א דערוואַקסענעם מענטש און מען רופט די דאָזיגע עליה „עם כל הנערים". עס ווערט געלייענט אונטער א טלית־חופּה און נאָכ'ן לייענען ווערט פון גאַנץ קהל געזאָגט בקול רם דער פּסוק המלאך הגואל וואו עס איז דאָ דער אויסדרוק: „כל הנערים". אויך חתן־בראשית ווערט געלייענט אונטער א טלית־חופּה (אין ארץ ישראל אויך חתן תורה). נאָכ'ן דאַווענען פּראַוועט מען קידוש'ן ביי די „חתנים" און מען פאַרברענגט דעם גאַנצן טאָג מיט אכילה ושתיה, שמחה און געזאַנג.

## נס חנוכה



חנוכה איז דער אידיש־נאַציאָנאַלער יום־טוב וואָס ווערט געפייערט אין אָנדענק פון דעם גרויסן היסטאָרישן נס, מיט 2115 יאָר צוריק, אין צייט פון בית שני, ווען די מלכות יון הרשעה האָט מיט א רייע גזיירות און אונטערדרוקונגען, גע־וואָלט אומברענגען די נשמה פון אידישן פאָלק, און פאַר־ניכטן די אידישע תורה. זי איז אין דעם אַרויסגעהאָלפען געוואָרן דורך פאַררעטערישע אסימילאַטאָרישע כחות אין דער אידישער מחנה גופא, און די סכנה פאַר'ן קיום פון פאָלק און תורה איז געווען זעהר גרויס. דאַן איז אויפגעשטאַנען א גרופּע אידישע העלדן פון דער השמונאים־פאַמיליע, מיט יהודה המכבי בראש, און אָנגעפירט א מסירות־נפש'דיגען קאַמף קעגן די אינערליכע און אויסערליכע שונאים, וואָס האָט דערפירט צו א גרויסן נצחון מצד דעם קליינעם הייפעלע אידישע גבורים אנטקעגן דעם מעכטיק־גרויסן שונא.

עס איז דאַן אויך געשיין דער נס מיט'ן קריגעלע אויל, וואָס מען האָט געפונען באַהאַלטן אין בית־המקדש, פאַר'חתמ'ט מיט דעם כהן גדול'ס זיגעל, בשעת אַלע אַנדערע אוילן זיינען טמא געוואָרן דורך די יונים; און אָט דאָס קליינע קריגעלע אויל וואָס האָט געקענט זיין גענוג פאַר דעם געברויך פון בלויז איין נאַכט, איז אין דעם אַריין די ברכה און מען האָט דערפון געצונדן די מנורה גאַנצע אַכט נעכט ביז עס איז צוגעגרייט געוואָרן פרישע טהו'רדיגע אויל. דערפאַר פייערט מען חנוכה אַכט טעג, מיט צינדן חנוכה־ליכט און מיט הלל און על הנסים אין די תפלות.

ously able to light the menorah for full eight days, at which time pure oil became available. On this account Chanukah is celebrated for eight days, with recitation of the Hallel and Al Hanissim in the daily prayers.

## LAWS AND CUSTOMS

Chanukah has its specific laws, also its distinct customs. There are the eating of latkes, pancakes, playing "kvitlach", turning a four-sided lettered top (drehdel), and giving the children Chanukah money. The children are also given some latitude during school hours, and in general act in a festive manner. Chanukah is well calculated to provide spiritual influence for young children. They are profoundly impressed by the daily blessing of the lights, when all the family surrounds the father thus engaged and then joins in the songs "Haneros Hallalu" and "Maoz Tzur". Parents must not forget the power of this ritual and its later memory.

The kindling of the Chanukah lights is prescribed for after sundown. The lamp is placed either on the left side of the entry, so that anyone who enters may have the Mezuzah on one hand and this observance on the other; or at the window, where passersby may see it. The first candle is set on the right. On the second night the second candle is illumined first; and so on through the days as the procession moves to the left. On the first night there are three benedictions — "to kindle the light of Chanukah," "Who wroughtest miracles" (she-assah nissim), and Shehecheyanu. The last is omitted on other nights. The lights must not be used for any practical purpose. Women are accustomed to perform no labor during the time of illumination. All through the festival Al Hanissim is recited in the silent prayer and in grace after meals, and the whole Hallel is read. Among prayers not employed are the Tachnun, Lamnatzeach, and Tzidkasecha Tsedek (for Sabbath afternoon). There are no memorial prayers or services. Each day three sections are read in the Pentateuchal portion of the princess (Nasson). On Sabbath three scrolls are used. In the first the regular portion is read;



וַתַּכְרֵת אֶת־רֹאשׁוֹ וַתָּגֶל נְבֵלָתוֹ מֵעַל הַמִּטָּה (יהודית יג׳ יא׳)

**And she smote twice upon his neck with all her might, and took away his head from him. (Judith 13/11)**

in the second the portion Phineas, and in the third scroll the maftir of Chanukah in the portion Nasso. In blessing the New Moon we use two scrolls; in the first are read three sections of the regular New Moon portion; the fourth reading is from Nasso. All through Chanukah, in addition to the psalm of the day, we recite Psalm XXX—"A psalm; a song at dedication of the House." On the eve of the Sabbath the Chanukah lights are kindled before those for the Sabbath; at the outgoing of the Sabbath, Havdalah is recited before the kindling.

## PURIM

The name Purim is explained in the Book of Esther as deriving from "pur", or lot, since the wicked Haman chose the day for carrying out his decreed destruction of the Jews by casting lots. All details of the Purim story are to be found in that biblical book.

Shushan, capital of Persia, differed from the other cities of Ahaseuerus' realm in those days in that, while the Jews were permitted to combat their assailants elsewhere on the thirteenth day of Adar alone, in Shushan they were granted that right on the fourteenth day as well. Hence in all other localities there were rest and celebration on the fourteenth, while in Shushan festivities were delayed until the next day. It was ordered, therefore, that in Shushan and other walled towns the celebration was to take place on the fifteenth, while open cities observed the fourteenth of Adar.

## LAWS

On the thirteenth day of Adar falls the Fast of Esther, commemorating the fast commanded by Esther during the Haman onslaught. (Ill and feeble persons should make inquiry of a rabbi concerning observance of the fast.) In the evening Al Hanissim is recited in the silent prayer — if one forgets until after the benediction Hatov Shimecha, one is not required to begin the entire prayer over again. It is customary after the evening prayer to give the half-shekel (recalling the sum collected during

# דינים און מנהגים

חנוכה האָט זיך אויסער אירע באַזונדערע דינים אויך ספּעציפישע מנהגים און טראַדיציעס ווי: עסן „לאַטקעס", שפּילן אין ל"א קוויטלאַך און אין „דריידעל" און געבן די קינדער חנוכה־געלט. אויסער דעם, געניסן די קינדער אויך אביסעל פרייהייט אין זייערע לערן־שטונדען און זיי פילן זיך היבש יום־טוב'דיק. חנוכה איז טאַקע באַזונדערס שטאַרק מסוגל אויסצואיבן גייסטיקע השפּעה אויף די יונגע קינדער. קינדער ווערן הינגעריסן פון דעם צערעמאָניאַלן טעקס פון בענטשן חנוכה־ליכט, ווען דאָס גאַנצע פאַמיליע־הויז שטייט אַרום דעם חנוכה־לאָמפּ בעת דער טאַטע צינדט אָן ליכט, און אַלע צוזאַמען זינגען דעם „הנרות הללו" און „מעוז צור ישועתי" וואָס ברענגט אַריין געהויבענע שטימונג. עלטערן דאַרפן דאָס דאָזיקע געהעריג אויסנוצן פאַר דער גייסטיקער טובה פון זייערע קינדער.

די צייט פון חנוכה־ליכט פאַנגט זיך אָן נאָך זון־אונטערגאַנג. דעם חנוכה־לאָמפּ דאַרף מען אָוועקשטעלן, ענטוועדער ביים טיר צו דער לינקער זייט פון אַריינגאַנג (כדי ביים אַריינקומען אין הויז זאָל מען דורכגיין צווישן צוויי מצוות, פון איין זייט די מזוזה און פון דער צווייטער זייט די חנוכה־ליכט), אָדער עס אָוועקשטעלן ביים פענסטער אַז פאַרבייגייער זאָלן עס קענען באַמערקן (פּרסומי ניסא). מען פאַנגט אָן צינדן דאָס ערשטע ליכטל צו רעכטס. די צווייטע נאַכט צינדט מען פריהער דאָס צווייטע ליכטל און דערנאָך דאָס ערשטע און אַזוי אויך די ווייטערדיגע נעכט. די ערשטע נאַכט מאַכט מען דריי ברכות: להדליק נר של חנוכה; שעשה נסים און שהחיינו. אין די אַנדערע נעכט מאַכט מען בלויז די ערשטע צוויי ברכות. מען טאָר זיך ניט באַנוצן מיט די חנוכה־ליכט פאַר קיין שום אַרבעט. פרויען זיינען זיך נוהג ניט צו טאָן קיין אַרבעט אַזוי לאַנג ווי די חנוכה־ליכט ברענען (שו"ע או"ח). גאַנץ חנוכה זאָגט מען על הנסים אין שמונה עשרה און אין בענטשן, און גאַנץ הלל. מען זאָגט ניט קיין תחניה און ניט קיין למנצח יענך, אויך ניט צדקתך שבת צו מנחה; מען מאַכט אויך ניט קיין הזכרה און קיין הספד. יעדן טאָג לייענט מען אין דער תורה דריי קרואים אין דער פרשת הנשיאים (פרשת נשא). שבת נעמט מען אַרויס דריי ספרים, אין ערשטן לייענט מען די פרשה פון דער וואָך, פרשת מקץ; אין צווייטען לייענט מען מפטיר פון חנוכה, וביום הששי, און פרשת פינחס; אין דריטן לייענט מען מפטיר פון חנוכה, וביום הששי, אין פרשת נשא זונטיק איז דער צווייטער טאָג ר"ח טבת, מען נעמט אַרויס צוויי ספרים. אין דעם ערשטן, דריי קרואים, אין דער קריאה פון ראש חודש; דעם פערטן לייענט מען אין דעם צווייטן, אין פרשת הנשיאים. גאַנץ חנוכה זאָגט מען אינדערפרי, אויסער דעם שיר של יום, אויך מזמור שיר חנוכת. ערב שבת, צינדט מען פריהער חנוכה־ליכט און דערנאָך די שבת־ליכט מוצאי שבת מאַכט מען פריהער הבדלה און דערנאָך חנוכה־ליכט.



הִנֵּה זֶה רֹאשׁ הָלוֹפֶרְנֶשׁ שַׂר צְבָא אַשּׁוּר (יהודית יג׳ כב)

Behold, the head of Holofernes, the chief captain of the host o[f] Asshur. (Judith 13:22)

# פורים

דער נאָמען פּורים ווערט דערקלערט אין מגלית אסתר: „על שם הפּור", צוליב דעם גורל וואָס המן הרשע האָט געוואָרפן אויסצוגעפינען וועלכער טאָג איז מער מזל'דיקער פאַר אים דורכצופירן די גזירה צו פאַרניכטן דעם אידישן פאָלק. די גאַנצע געשיכטע מיט דעם פּורים נס איז פאַרצייכענט מיט אַלע איינצעלהייטן אין דער מגילה.

ווייל אין יענער צייט האָט זיך אונטערשיידט שושן, די הויפּט־שטאָט פון פּרס, פון די אַנדערע שטעט פון אחשורוש'ס קעניגרייך דערמיט וואָס אין די אַנדערע שטעט האָבן די אידן געהאָט די דערלויבעניש זיך צו פאַרטיידיגן געגן זייערע שונאים בלויז דעם 13־טן טאָג אין אדר, און אין שושן ביידע טעג, דעם 13־טן און דעם 14־טן, איז דערפאַר אויסגעקומען אז אין אַלע שטעט האָט מען שוין דעם 14־טן טאָג גערוהט און געמאַכט יום־טוב, ווערענד אין שושן האָט מען ערשט דעם 15־טן טאָג גערוהט און געמאַכט יו"ט, איז דערפאַר אַנגענומען געוואָרן, אז אין שושן און אין אַלע שטעט וואָס זיינען אַרומגערינגעלט מיט א מויער אזוי ווי שושן, זאָל מען פּראַוועון פּורים דעם 15־טן טאָג אין אדר, און אין אַפענע שטעט, דעם 14־טן.

## דינים

דער דרייצעטער טאָג אין אדר איז תענית אסתר, אין אָנדענק צו די תעניתים וואָס אסתר המלכה האָט פאַראָרדענט אין צייט פון דער גזירה (קראַנקע און שוואַכע דאַרפן פרעגן א שאלה ביי א רב אין באַצוג צום תענית). אויף דער נאַכט זאָגט מען על הנסים אין שמונה־עשרה (אויב מען פאַרגעסט און מ'האָט שוין געזאָגט די ברכה פון הטוב שמך, דאַרף מען ניט איבערדאַווענען שמונה־עשרה). נאָך מעריב איז דער מנהג צו געבן מחצית השקל (אין אָנדענק פון דעם מחצית השקל וואָס מען פלעגט זאַמלען אין חודש אדר אין צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען), און אויך מגילה־געלט. מען לייענט די מגילה אויף וועלכער מען מאַכט דריי ברכות: על מקרא מגילה, שעשה נסים און שהחיינו. נאָכ'ן לייענען זאָגט מען די ברכה: הרב את ריבנו, אשר הניא און אויך שושנת יעקב. עס איז כדאי אז אויך די ביינאַכטיגע סעודה זאָל זיין אביסעל יום־טוב'דיג. אין בענטשען זאָגט מען על הנסים (אויב מען פאַרגעסט, זאָל מען פאַר הרחמן הו יזכנו זאָגן: הרחמן הוא יעשה לנו נסים וכו' בימי מרדכי ואסתר וכו').

אינדערפרי זאָגט מען אין חזרת הש"ץ „קרובץ של פּורים", מען זאָגט ניט קיין תחנון. מען לייענט אין דער תורה דריי קרואים אין פרשת בשלח (ויבא עמלק), נאָכהער לייענט מען די מגילה (מען טוט ניט אויס די תפילין פאַר קריאת המגילה) מיט די דריי דערמאָנטע ברכות. ביים שהחיינו זאָל מען אין זינען האָבן אויך די מצוה פון משלוח מנות און מתנות לאביונים. נאָכ'ן לייענען: הרב את ריבנו און

Adar in the days of the Temple), and also Megilah (Book of Esther money. The reading of the Megillah is preceded by three blessings — al mikrah Megillah, she-asah nissim, and Shehecheyanu. Following the reading one recites the blessing Harav Es Rivenu, Asher Heni, and Shoshanas Yaakov, As a rule a fesitve meal is served that night. In grace All Hanissim is said; if this is forgotten, before the words Harachaman Hu Yeazkenu, one repeats the formula, "The Merciful One performeth miracles for us" and "In the days of Mordecai and Esther".

During the reader's repetition of the morning prayer one recites the "Krubetz she Purim"; Tachnun is not said. Three sections of the portion Beshallach are read (Vayavo Amalek). Then the Megillah is again read (without doffing the tefillin), preceded by the three prescribed blessings. During the Shehecheyanu blessing one must have in mind the added divine command of sending gifts to friends and to the poor. Thereafter come Harav Es Rivenu and Shoshanas Yaakov, but not Asher Heni. Then — Ashrei and Uva Letzion, but no Ya'anecha. In the afternoon prayer Al Hanissim is recited — after which comes the Purim banquet, which begins before nightfall and is extended to a late hour.

The command of sending gifts prescribes a minimum of two presents to one person; and of gifts to the poor, separate donations to two persons.

## CUSTOMS

Purim customs are most colorful. These include: 1) The children's clamor made by stamping and beating and other means each time the name Haman is mentioned (this is derived by some from the passage Vehayah im ben hakkos, where the final letters of the first words spell Haman, and the last word means "smiting"). 2) The eating of hamantashen, traditional three-cornered, filled Purim cake. 3) Masked Purim players, who go from house to house, merrymaking, and being well rewarded for their efforts.

שושנת יעקב (מען זאגט ניט אשר הניא); אשרי ובא לציון (מ'זאגט ניט יענד). צו מנחה זאגט מען על הנסים און נאכהער פראוועט מען די סעודת פורים. מען פאנגט אן די סעודה פארנאכט און מען ציט איר אריין שפעט אין דער נאכט.

די מצוה פון משלוח מנות דארף זיין צוויי מנות (געשאנקען) צו איין מענטש און די מצוה פון מתנות לאביונים, צוויי מתנות צו צוויי ארעמעלייט (איין מתנה צו יעדן איינעם).

## מנהגים

די מנהגים פון פורים גיבן צו היבש קאליר צום יום טוב, צווישען זיי: 1) דאס שלאגען המנ'ען יעדעס מאל וואס זיין נאמען ווערט דערמאנט ביים לייענען די מגילה, א דעמאנסטראציע וואס ווערט הויפטזעכליך אנגעפירט דורכ'ן יונגוואַרג (ספרים געפינען א רמז דערצו אין פסוק: „והיה אם בן הכות", די סופי־תבות פון די ערשטע דריי ווערטער איז „המן" וואס ווערט נאכגעפאלגט מיט'ן „הכות" (שלאגן). 2) דאס עסן המן־טאשען, א טראדיציאנעלער פורים־מאכל. 3) די פאר־מאסקירטע פורים־שפילער וועלכע מארשירן גרופענווייז פון הויז צו הויז און מאכן פרייליך, און ווערן אגב דערפאר גוט באלוינט.

פאר ארעמעלייט איז פורים דער בעסטער טאג ווייל צוליב דער מצוה פון מתנות לאביונים גיט יעדער בעל הבית צדקה מיט אן אפענער האנט (דערפון נעמט זיך דער אויסדרוק: ס'איז נאר איין מאל א יאר פורים . . .). דער פורים־טאג איז אויך א פרנסה־צווייג פאר די „שלח מנות טרעגער" וועלכע טראגן ארום די שלח־מנות'ן פון איין בעל הבית צום אנדערן און ווערן אין הויז נאך שיין באלוינט. אין ארץ ישראל, וואו אין תל־אביב למשל איז פורים דער 14־טער טאג און אין ירושלים דער 15־טער, איז פאר די קבצנים גאר א לעבעדיגע וועלט; זיי טאנצען אויף ביידע חתונות, מען ספראוועט זיך פריהער מיט תל־אביב און נאכהער פארט מען אראפ קיין ירושלים. אין צווייען איז שטארקער . . .

## פסח

פסח איז דער יום־טוב פון אונזער באפרייאונג. דעם 15־טן טאג אין ניסן מיט יארן צוריק זיינען די אידן ארויס פון זייער ערשטן גלות מצרים און געווארן א פריי פאלק. דערפאר ווערט פסח אין אונזערע תפלות באצייכענט אלס „זמן חרותנו". דער נאמען פסח קומט אושפרינגליך פון דער לעצטער מכה, מכת־בכורות, ווען די אידישע הייזער זיינען איבערגעהיפט געווארן (פסח מיינט איבערגעהיפט) בעת די מגפה פון די בכורים נאך וועלכער עס איז געקומען די באפרייאונג. דער יום־טוב רופט זיך אויך „חג המצות" צוליב דעם געבאט פון עסן מצה און פארבאט צו עסן חמץ.

פסח איז אלעמאל אפגעהיט געווארן ביי אידן מיט דער גרעסטער פארזיכטיג־



וַתֹּאמֶר אֶסְתֵּר, אִישׁ צַר וְאוֹיֵב, הָמָן הָרָע הַזֶּה

And Esther said, The adversary and enemy is this wicked Haman.
(Esther 7/6)

קיים, ווייל דער איסור חמץ איז זעהר א הארבער, א איסור כרת ר"ל. די דינים פון פסח זיינען זעהר פארצווייגט און יעדע מינדעסטע שאלה מוז געפרעגט ווערן ביים רב כדי חלילה ניט נכשל צו ווערן אין א איסור חמץ.

די הכנות צו פסח זיינען פיל גרעסער ווי אין אן אנדער יו"ט, ווייל מען דארף פאקטיש איבערווירטשאפטליכן א היבשן טייל פון הויז כדי צו מאכן די הויז פסח'דיג. אין דער אלטער היים האט אויך פארנומען א גאר אנגעזעהענעם ארט די מצות באקען וואס כמעט יעדער בעל הבית האט פאר זיך אליין געבאקען מצות, איבערהויפט די מצות שמורה. דער צערעמאניאלער טעקס האט זיך אנגעפאנגען מיט'ן אנשעפען די „מים שלנו" און געענדיגט מיט די „מצות מצוה" וואס מען האט געבאקען ערב פסח נאך האלבן טאג. אין ירושלים האט זיך דער ערב פסח טעקס פארענדיגט מיט א באזוך ביים כותל מערבי וואוהין עס האבן געשטראמט טויזענטער אידן דארט צו זאגן דעם „סדר קרבן פסח".




די שווערע ארבייט פון ערב פסח באצאלט זיך אבער מיט דעם נאכגעפאלגטן עונג פסח גופא. שיין און גראציעז איז דער אידישער „סדר" מיט זיינע טראדיציאנעלע מנהגים. באזונדער איינדרוקספול איז דער דאזיגער צערעמאניאלער סדר־טיש פאר די יונגע קינדער, די העלדען פון דעם „חג הבנים". די הגדה, די כוסות, די הסב־בעט, די שיינע פסח־נגונים, דאס גנב'ענען דעם אפיקומן און טאקע די געשמאקע און באזונדער באַ'טעמ'טע פסח־מאכלים דאס אלץ האלט דעם קינד געשפאנט און איבט אויס א גרויסן איינפלוס אויף זיין גאנצער וועזענטליכקייט.

# דינים און מנהגים

מכירת חמץ איז א דין וואס מוז שטרענג אפגעהיט ווערן כדי מען זאל נאך פסח קענען נוצען די חמצ'דיגע זאכען וואס זיינען פארשטעלט געווארן ערב פסח. געדענקט דעריבער צו פארשרייבן אייערע חמץ ביי א רב כדין יכרת. די נאכט פאר ערב פסח דארף מען זיין בודק חמץ זיין גלייך נאך מעריב. פאר דער בדיקה מאכט מען די ברכה על ביעור חמץ און נאכ'ן בודק זיין זאגט מען כל חמירא ווי עס שטייט אין סדור. מען באהאלט דעם חמץ ביז מארגען ווען מען פארברענט אים א שטונדע נאך דער צייט פון עסן. נאכ'ן פארברענען זאגט מען ווידער כל חמירא.

ערב פסח איז א תענית פאר די בכורים. מען איז זיך אבער נוהג מקיל צו זיין ווען מען פארזוכט פון א סעודת מצוה. דערפון שטאמט דער מנהג פון מאכען א „סיום" אין שוהל ביי וועלכן די בכורים זיינען אנוועזענד. ערב פסח דאווענט מען

Purim is the best of days for the poor, since every householder generously fulfills the command to help them. Hence do they often declare, "Purim comes but once a year!" This is a good day also for those engaged in bearing presents from one household to another, receiving much renumeration in the process. In Israel, where Purim in Tel Aviv falls on the fourteenth and in Jerusalem on the fifteenth, of Adar, the poor are specially fortunate. They spend the one day in Tel Aviv and the next in Jerusalem.

## PASSOVER

Passover is the feast of our liberation. On the fifteenth of Nissan Jews made their Exodus from their first exilic habitation, in Egypt, and became a free people. The holiday is thefore referred to throughout the prayers as "The Time of Our Freedom". The name Passover arises from the last plague, destruction of the first-born, when Jewish homes were passed over (that is the meaning of the Hebrew word Pesach) just before the liberation. Because of the law concerning eating of unleavened bread and avoiding of leaven, the holiday is also called "Feast of Matzos."

Jews have always celebrated Passover with utmost caution, since the law against using leaven at this period is most severe, punishable by excision. The laws of Passover observance are extensive and involved; the least doubt must be resolved by the rabbi, lest the sin of using leaven be incurred.

Preparations are far more extensive than for other festivals, since the home must be gone over completely to render it fit. In olden days much effort was spent on the baking of matzos by each householder, particularly the watched matzos—from grain to finished product—called matzah shemurah. The process proceeded from the drawing of water to the final baking — matzos mitzvah — on the afternoon before the holiday. In Jerusalem preparations were concluded with a visit to the West Wall, where thousands of Jews recited the order of the paschal sacrifice.

The difficult preliminary labors are repaid, however, by the joy the festival itself brings. Radiant and pleasant is the seder

גאַנץ פרי ווייל די צייט פון חמץ עסן איז א באַגרענעצטע, בלויז ביז א דריטעל טאָג פון מאָרגענשטערן אויפגאַנג.

אויף דער נאַכט דאַוועננט מען מעריב פון שלש רגלים. אין ספרדישע שוהלען זאָגט מען נאָך שמונה־עשרה הלל ביידע ערשטע נעכט. מען קומט אהיים און מען פראַוועט דעם סדר.

אינדערפרי נאָך שחרית נעמט מען ארויס צוויי ספרים. ביים ארויסנעמען זאָגט מען „שלש עשרה מדות" און רבונו של עולם. אין ערשטן ספר לייענט מען פינף קרואים אין פרשת בא (משכו וקחו לכם צאן), אין צווייטן לייענט מען מפטיר אין פרשת פנחס (ובחודש הראשון). אין חזרת הש"ץ פון מוסף בענטשט מען „טל". מען זאָגט „ותערב" און די כהנים דוכנ'ען. צו מנחה, אשרי ובא לציון און מען הערט אויף זאָגען משיב הרוח (ספרדים זאָגען מוריד הטל). אויף דער נאַכט, די תפלות און סדר ווי אין דער ערשטער נאַכט. נאָך שמונה עשרה פאַנגט מען אָן ציילן ספירה און מען זעצט פאָר ביז ערב שבועות (פרעגט ביי אייער רב ווי איר זאָלט זיך נוהג זיין אויב איר האָט איינמאָל פאַרגעסן ציילן ספירה). דעם צווייטן טאָג, דער דאַוונען ווי אין ערשטן. די קריאה: אין ערשטן ספר, פינף קרואים אין פרשת אמור (שור או כשב). אין צווייטן, מפטיר ווי נעכטן. מנחה, דאָס זעלבע ווי נעכטן. אויף דער נאַכט, מוצאי יו"ט, אין שמונה עשרה, אתה חוננתנו. מען הערט אויף זאָגען טל ומטר און מען זאָגט ותן ברכה. מען ציילט ספירה און מען מאַכט הבדלה.

גאַנץ חול המועד זאָגט מען ניט קיין מזמור לתורה. די וואָס לייגען תפילין טוהען זיי אויס נאָך חזרת הש"ץ פאָר הלל. מען זאָגט האַלב הלל, און מען לייענט יעדען טאָג אַן אַנדער קריאה אין צוויי ספרים, אין ערשטן דריי קרואים. דעם פערטן עולה לייענט מען אין צווייטן ספר אין פרשת פנחס (והקרבתם).

שביעי של פסח: יום־טוב'דיגען מעריב. ביים קידוש און ליכט־בענטשן זאָגט מען ניט „שהחיינו". אינדערפרי: האַלב הלל. ביים אויסנעמען, י"ג מדות און רבונו של עולם. מען נעמט אַרויס צוויי ספרים. אין ערשטן לייענט מען פינף קרואים אין פרשת בשלח (פון אָנהויב ביז כי אני ה' רופאך), אין צווייטן, מפטיר (והקרבתם). אין מוסף „ותערב" און ברכת כהנים. מנחה, אשרי ובא לציון און שמונה עשרה פון שלש רגלים.

אחרון של פסח: מעריב און קידוש ווי נעכטן (אָן שהחיינו). שחרית: האַלב הלל, י"ג מדות, צוויי ספרים, אין ערשטן פינף קרואים אין פרשת ראה (כל הבכור), אין צווייטן, מפטיר (והקרבתם). מען איז מזכיר נשמות.

## ל"ג בעומר

דער טאָג ל"ג בעומר (דער 33־טער טאָג אין ספירה), ווערט פאַררעכענט אַלס א יום־טוב. עס נעמט זיך דערפון וואָס די גמרא (יבמות ס"ב) ברענגט אַז צווישן

meal and its many traditional customs. It is specially impressive for the young children, and the period is sometimes called Feast of the Children because of them. The Haggadah which is read, the cups of wine, the seats for reclining, the pleasant chants, the "stealing of the afikoman" by some youngster, and the savory dishes — all this keeps the child enthralled, and exerts permanent influence upon his life and being.

At the head of the pilgrimage festivals stands the Passover, which falls on the fifteenth of Nisan (March-April) and lasts seven (now outside Israel eight) days. It is designated 'The Season of our (Israel's) Freedom', and is observed by the eating of unleavened bread and by the abstetion from all leavened food. In Temple times the festival was inaugurated by the Paschal Lamb, which was slaughtered on the previous day in the afternoon, and eaten on the same evening with unleavened bread and bitter herbs amid songs of praise, psalms, and hymns. During the meal were also drunk in successio four cups of wine, symbols of the four stages through which Israel's redemption was achieved. The ancient observances attending the Paschal meal are still retained to the present day, except for the sacrificial features which became symbolized in the touching and beautiful home service, Seder (order), which enshrines the Jewish people's most precious memories and most exalted hopes. Seated at the table are the children and other guests who are led in service by the head of the family. The youngest child asks four questions, introduced by the general question, 'Why is this night different from all other nights?' This gives to the father the occasion to explain the significance of the ritual, followed by an exposition of biblical passages, The Haggadah. In order to excite the curiosity of the children a number of ceremonies are introduced into the Seder. The service is interrupted with a meal and concludes with psalms, hymns in hopeful anticipation of the coming deliverance, and popular folk-songs which have been infused with religious meaning. As an agricultural festival, Passover was celebrated in Temple times by bringing, in gratitude to God, a sheaf of barley (Omer) and until this had been done no Israelite was allowed to

פּסח און שבועות זיינען אויסגעשטאָרבען פיר און צוואַנציג טויזענט תּלמידים פון דעם גרויסן תּנא רבי עקיבא, צוליב וועלכעס מען איז זיך נוהג אבלות אין די ספירה־טעג: מען מאַכט ניט קיין חתונות; מען שערט זיך ניט די האָר; מען שפּילט ניט קיין מוזיק אד"ג. אין דעם טאָג ל"ג בעומר אָבער, ווייזען אָן די ראשונים, האָט די מגפה אויפגעהערט (ספר המנהגים לרבי יעקב מולין), דעריבער איז אָט דער טאָג פאַררעכענט פאַר א יום־טוב ווען די ספירה־אבלות איז ניט נוהג.

דינים זיינען פאַראַן זעהר ווייניג וועגן ל"ג בעומר, אויסער וואָס דעם טאָג זאָגט מען ניט קיין תּחנון און די אויבענאויסגערעכענטע זאַכען פון אבלות פאַלען אַראָפּ; עס זיינען אָבער פאַראַן א היבש ביסעל שיינע מנהגים וואָס זיינען פאַרבונדן געוואָרן מיט דעם דאָזיגען טאָג. קינדער ווערען באַפרייט פון „חדר" און גייען אַרוים אין די וועלדער וואו זיי אַמוזירען זיך, הויפּטזעכליך אין א שפּיל מיט ביקסלאַך, א סימבאָלישער אָנדענק צו דער מלחמה פון בר־כוכבא אין וועלכער רבי עקיבא האָט געשפּילט א באַדייטענדע ראָלע.

לויט די חכמי הקבלה, איז ל"ג בעומר אויך דער טאָג פון די הלולא פון'ם גרויסען תּנא רבי שמעון בן יוחאי, דער בעל ה„זוהר". צוליב דעם ווערט אין ארץ ישראל געפייערט ל"ג בעומר מיט גרוים פּראַכט און גלאַנץ. אויף דער נאַכט ווערן אין אַלע שוהלען אָנגעצונדען א סך ליכט, און נאָך מעריב פּראַוועט מען „הדלקות" אין די שוהל־הויפען מיט התלהבות'דיגער שמחה.

באַזונדערס איז דער יום־טוב גרוים אין דעם דאָרף „מירון" נעבן צפת וואו עס געפינט זיך די הייליגע מערה פון רבי שמעון בן יוחאי מיט זיין זון רבי אלעזר. פון אַלע טיילן לאַנד, און זאָגאַר פון ווייטע לענדער ווי: מצרים, סוריא, פּערסיע, מאַראָקאָ און אַפילו די ווייטע קאַווקאַז, שטראָמען אידן קיין מירון אַנטייל צו נעמען אין דעם ל"ג בעומר יום־טוב.

ערב ל"ג בעומר נאָך האַלבען טאָג, פאַנגט זיך אָן די גרויסע פּראָצעסיע פון צפת קיין מירון מיט דער ספר תורה פון מהר"י אבוהב (דער מחבר פון „מנורת המאור"), אין דער באַגלייטונג פון גרויסע מוזיק־בענדס אין וועלכע עס נעמען אַנטייל טויזענטער אידען. די פּראָצעסיע געדויערט אייניגע שטונדען און איז זעהר איינדרוקספול. אויפ'ן גאַנצן וועג צווישן צפת און מירון זיינען אויסגעשטעלט פרומע ווייבער מיט פאַרשידענע געטראַנקען און אַלערליי „רעפרעשמענטס" וואָס זיי טיילען אוים פריי צו דער גרויסער מאַרשירענדער מאַסע און די שמחה איז אומגעהויער גרוים.

קומענדיג אין מירון באַזוכט מען צוערשט די מערת רבי שמעון, וואו עס ווערט געזאָגט תּהלים מיט אַזאַ ברענענדיגער התלהבות און מיט אַזעלכע בכיות ויללות וואָס זיינען ממש אומבאַשרייבליך. פּונקט אַזוי, איז אויך אומבאַשרייבליך די פרייד וואָס הערשט אין גרויסען הויף אַרום די מערה, וואו טויזענטער מענטשן איינגעקלאַמערט אָרעם צו אָרעם און שולטער צו שולטער, באַוועגען זיך שטונדען־

partake of the new harvest. On the fiftieth day from the bringing of this offering was celebrated the Feast of Weeks. The offering was discontinued with the destruction of the Temple, but the remembrance of it is still preserved by the counting which taakes place every night.

## LAWS AND CUSTOMS

The selling of unleavened foods — mechirat chametz — is a law not to be neglected, if one wishes the right to use the leaven owned before Passover. There must be a regular prescribed bill of sale before a rabbi. On the night before Passover there is the search for leaven immediately after Maariv. The proper formulas before an dafter the search are to be found in the prayerbook. The leaven discovered is put away until the morning, when it is burnt an hour after breakfast. The second formula — Kal Chmira — is repeated after the burning.

The day before the festival is a fast for the firstborn. But this is not insisted upon if a person is engaged in a feast celebrating completion of a divine command. From this fact stems the custom of holding a "siyum" in the synagogue — celebrating completion of study of a sacred volume — at which the firstborn are present. The morning prayers are quite early, since the time for eating leaven is limited to one third of the daylight period following the dawn.

In the evening the special Maariv of the three festivals is recited. Sephardim read the Hallel both first nights after the silent prayer. At home the seder is celebrated. (Our illustrated Haggadah pictures all the details of the seder).

After the morning prayer two scrolls are taken from the ark. In that process the Thirteen Articles of Faith are read, as well as the Ribbono Shel Olam (Master of the Universe). Five sections are read in the first scroll of the portion Bo; the maftir is read in the portion Phineas. During the canator's repetition of Mussaf there is the benediction of dew (Tal), and the regular ceremony of the priestly blessing. For the afternoon Ashrei and Uva Letzion are said; the formula Mashiv Haruach is discontinued

לאנג אין עקסטאזנע טענץ באגלייט מיט שירים און פזמונים וואס זיינען משנים קרמוניות פארפאסט געווארן ספעציעל פאר דער דאזיגער הילולא. די פאפולערסטע פון זיי זיינען: „בר יוחאי נמשחת אשריך"; „ואמרתם כה לחי אדוננו בר יוחאי"; „אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל" און נאך אנדערע. שפעט אין דער נאכט ווערט געפראוועט די גרויסע „הדלקה" אין הויף, און די התלהבות'דיגע טענץ האלטען אן א גאנצע נאכט ביז שפעט אויפ'ן טאג. אראבער פון די ארימיגע דערפער קומען אויך אנטייל נעמען אין דער שמחה, און טאנצען מיט אנטבלויזטע שווערדען אויס־געמישט מיט דער טויזענט־קעפיגער מאסע.

אינדערפרי נאכ'ן דאווענען ווערט געפראוועט די טראדיציאנעלע ארץ ישראל־דיגע „חאלאקע" (די צערעמאניע פון אפשערן די קליינע קינדער די האר און זיי צום ערשטן מאל מחנך זיין מיט דער מצוה פון „פיאות"). מען טיילט די דאזיגע מצוה פון ארומשערן די קינדערלאך אין כבודים צו די חשוב'ע עלטערע אידען. דאס קליינווארג איז אויסגעפוצט מיט יום־טוב'דיגן פראכט, און גלייך נאך דער צערעמאניע ווערן זיי ארויפגעריטען אויף די אקסלען און מען טאנצט מיט זיי אפ שטונדען־לאנג אונטער די טענער פון דער הילכענדער מוזיק.

דער וואס האט ניט בייגעוואוינט ל"ג בעומר אין מירון, דער קען גאר קיין באגריף ניט האבן וואס דער דאזיגער יום־טוב מיינט פאר די ארץ ישראל אידן. עס קען מיט רעכט געזאגט ווערן אז דער וואס האט ניט געזעהן די טרערען אינעווייניג, אין דער מערת רבי שמעון, האט קיינמאל קיין אמת'ע טרערען ניט געזעהן; און דער וואס האט ניט געזעהן די פרייד אין דרויסען, האט קיינמאל קיין אמת'ע פרייד ניט געזעהן.

„אויב אפילו בלויז איינמאל האבן דעם זכות צו זיין ל"ג בעומר אין מירון, איז שוין אויך כדאי דער גאנצער לעבען" — האט זיך אמאל אויסגעדריקט א בארימטער אידישער שרייבער, און דאס איז הונדערט פראצענט ריכטיג.

## שבועות

שבועות, דער זעקסטער טאג אין סיון, איז דער יום־טוב פון מתן־תורה, ווייל אין דעם דאזיגען טאג האט מען אונז געגעבען די תורה אויפ'ן בארג סיני. איז עס ניט בלויז א רעליגיעזער יו"ט נאר אויך א נאציאנאלער, דען עס איז נאר א דאנק דער תורה וואס דער קיום פון אידישען פאלק האט געקענט אנהאלטן אפילו ווען מיר האבן פארלארן אונזער היים און זיינען צושפרייט געווארען אין אלע עקן וועלט און געווארן א גלות־פאלק.

שבועות ווערט אין דער תורה באצייכענט אלס „חג הבכורים" און „חג הקציר", ווייל אין אט דער צייט פון יאר איז אין ארץ ישראל געווען דער שניט פון ווייץ און מען האט געדארפט ברענגען אין בית המקדש די מנחת „שתי הלחם" (וביום הבכורים בהקריבכם מנחה חדשה וגו' — במדבר כ"ח—כ'—ו(. שבועות איז

(Sephardim say "Morid Hatal"). The evening service is like that of the first night. The counting of the days, Sephirah, begins after the silent prayer, and continues until Shavuoth. (Inquire of your rabbi what should be done if you have once failed to count the days.) Prayers on the second day are like those of the first. Bible reading in the first scroll includes five sections in the portion Emor; there is the same maftir as on the first day. Minchah is the same. The evening prayer, at the outgoing of the two festival days, includes Atta Chonantanu. The words "tal umattar" are no longer included; "vesen berakah" is said. The day is counted in Sephira, and havdalah is recited.

All through the middle days Mizmor Letodah is not said. Those who wear tefillin during these four days doff them after the reader's repetition of the silent prayer, before Hallel. Only the half-Hallel is used. Each day there is reading from two scrolls —three sections in one; and a fourth in the others, from Phineas.

The seventh day of Passover begins with the regular festival Maariv in the evening. Neither for kiddush nor the kindling of the lights is Shehecheyanu said. In the morning there is the half-Hallel. On taking out the scrolls, we say the Thirteen Articles of Faith and Ribbono Shel Olam. There are two scrolls. From the first five sections of Beshalach are read; from the second, the maftir (Vehikravtem). In Mussaf, the priestly blessing. For Minchah, Ashre, Uva Letzion, and the festival silent prayer.

On the last day: Maariv and kiddush as on the previous night; morning prayers include half-Hallel, the Thirteen Articles; first scroll, five sections from Raeh; second scroll, maftir (Vehikravtem). Yiskor.

## LAG B'OMER

Lag B'Omer (the 33rd day of Sephirah) is reckoned as a festival. The Talmud (Yebamot 62) declares that between Passover and Shavuoth 24,000 students of the great Rabbi Akiba died in a plague; for this reason the period has become one of mourning. There are no weddings; none cut their hair; no music is played; and there are additional prohibitions. But on the 33rd

day the plague was lifted (Book of Customs of Rabbi Jacob Mulin), and as a consequence this day is festive, and without evidence of mourning.

There are few laws concerning the day. Tachnun is not said; the prohibitions mentioned are not operative. But there are many pleasant customs associated with Lag B'Omer. Children, dismissed from school, go out into the fields to amuse themselves, mainly by gun drills, symbolic of the Bar Cochba wars, in which Rabbi Akiba played a prominent part.

According to the kabbalists Lag B'Omer also celebrates the famed Rabbi Simeon ben Johai, writer of the "Zohar". For this reason the holiday enjoys much eclat in Israel; many lights are kindled in the synagogues, and after Maariv there are great and joyful Hadlakoth (illuminations) in the synagogue courts.

Special festivities are carried out in the village Meron, near Safed. It is there that the cave exists in which Rabbi Simeon and his son Rabbi Eliezer so long concealed themselves. From all parts of the land, and from such distant countries as Egypt, Syria, Iran, Morocco, and Caucasia, Jews stream to the village to take part in the celebration.

Early in the afternoon of the previous day a large procession wends from Safed of Meron, carrying the holy scroll of Isaac Aboab, author of Menorat Hamaor. Bands of music consisting of thousands, accompany the procession. This lasts for several hours, and is most impressive. All along the way stand pious women, with solid and liquid refreshments, freely given to the happy marchers.

At Meron they first visit the cave of Simeon, where psalms are recited with indescribable emotion and weeping. Likewise one finds it difficult to describe the joy displayed by the mass filling the great open space about the cave, where many thousands of closely-packed celebrants move for hours in ecstatic dance, accompanied by songs and liturgic poems written centuries before in commemoration of this festive event. Late at night comes the great illumination in the open place; the ecstatic dances continue all through the night, until well into the next

day. Neighboring Arabs also come to take part, and dance through the throngs with bared swords.

In the morning, after prayers, there is carried out the traditional Israel custom of Chalakah — the ceremony of cutting the boys' hair so that for the first time they may become aware of the command to retain the "concerners" over the temples. Respect elders of the people are given this honor of cutting the childish locks. The youngsters are in holiday attire. After the cutting they are raised to the shoulders of their elders, and all dance again for hours to the resounding strains of band music.

No one who has not been present at the Meron celebration can have any full idea of its significance for Israeli Jewry. It can truly be said as well that no one has seen tears such as are shed at the cave, nor anyone beheld such joy as is evidenced outside it.

A distinguished writer once correctly averred, "If but once a man has the good fortune to be at Meron on Lag B'Omer, his entire life is rendered worthwhile."

## SHAVUOTH

Shavuoth, falling on the sixth of Sivan, is the feast of the giving of the Law, on that day transmitted to Israel from Sinai. It is both a religious and national festival, for it is only because of the Torah that Israel was able to persist even after loss of its land and dispersal in many lands of exile.

The festival is named Chag Habikkurim (Feast of the First Fruits) and Chag Hakatzir (Feast of the Harvest) in the Bible, because at that time of the year wheat was harvested, and the offering of the Two Loaves was brought to the Temple (Bamidbar XXVIII). Shavuoth is one of the three pilgrimage festivals, when it is a divine command to go to Jerusalem from all parts of the land.

The procession of the bringing of the first fruits was one of the most beautiful and impressive in Israel's life. The Mishnah (Bikkurim) gives a wealth of colorful detail of the celebration.

איינער פון די שלש רגלים ווען עס איז געווען א מצוה עולה רגל צו זיין אין ירושלים פון אלע טיילען לאנד.

די פראצעסיע פון ברענגען בכורים איז געווען איינע פון די שענסטע און הערליכסטע אין אידישן לעבען. זי ווערט רייך און קאלירפול געשילדערט אין דער משנה (נסכת בכורים). ווי אלע ימים טובים, ווערט אויך שבועות געפייערט אין ארץ ישראל בלויז איין טאג און אין חוץ־לארץ צוויי טעג (יום טוב שני של גלויות).

## דינים פון שבועות

מעריב די ערשטע נאכט, דאווענט מען שפעט כדי מקיים צו זיין דעם פסוק: שבע שבתות תמימות תהיינה, ד.ה. די פריהערדיגע ספירה־טעג זאלען זיין פולע 49 טעג. מען דאווענט מעריב פון שלש רגלים מיט שהחיינו ביים קידוש און אויך ביים ליכט־בענטשן. שחרית: גאנץ הלל. מען נעמט ארוים צוויי ספרים, מען זאגט שלש עשרה מדות און רבונו של עולם. אין ערשטן ספר לייענט מען פינף קרואים אין פרשת יתרו פון בחודש השלישי ביז סוף סדרה, אין צווייטן ספר: מפטיר אין פרשת פנחת (ביום הבכורים). ווען מען רופט אויף כהן, און איידער ער מאכט די ברכה, זאגט מען דעם שיינעם פיוט „אקדמות" מיט זיין וואונדערשיינעם טראדי־ציאנעלען נגון.

אין חזרת הש"ץ פון מוסף זאגט מען „ותערב" און די כהנים דוכנ'ען.

דעם צווייטן טאג דאווענט מען ווי אין ערשטן, נאר פאר קריאת התורה לייענט מען מגילת רות (ווייל דארט ווערט געשילדערט דער שניט פון תבואה, און אויך ווייל דארט ווערט דערמאנט דער געבורט פון דוד המלך וועלכער איז לויט דער מסורה נפטר געווארען שבועות). קריאת התורה: אין ערשטן ספר, פינף קרואים אין פרשת ראה (כל הבכור), און אין צווייטן ספר: מפטיר, ווי נעכטן. אין מאנכע קהלות זאגט מען דעם פיוט: „יציב פתגם" נאכ'ן לייענען דעם ערשטן פסוק פון דער הפטרה. פאר מוסף איז מען מזכר רשמות.

## מנהגים פון שבועות

עס איז א מנהג די ערשטע נאכט שבועות צו זיין וואך די גאנצע נאכט און זאגען „תקון שבועות" און אויך תהלים. אין ארץ־ישראל, הויפטזעכליך ביי די ספרדישע אידן, פארנעמט דער דאזיגער מנהג א גאר חשוב'ען ארט. מען פאר־זאמעלט זיך נאכ'ן עסען אין שול און דער תקון שבועות ווערט געזאגט בצבור, אנגעפירט פון דעם רב הקהלה. פון צייט צו צייט מאכט מען א שטיקל הפסקה ווען מען אונטערהאלט זיך מיט שיינע טראדיציאנעלע נגונים און דער עולם ווערט אויך טראקטירט מיט שווארצע טערקישע קאווע. ביים אויפברוך פון טאג גייט מען אין מקוה אריין, מען דאווענט נאכהער תפלת „ותיקין" מיט'ן נץ־החמה.

As with all festivals, Shavuoth is observed one day in Israel, two days elsewhere.

The Feast of Weeks (Shavuoth) which falls on the sixth of Sivan (May-June), marks the end of the wheat harvest, and in Temple times was celebrated by the bringing of the first fruits and the offering of the two wheaten loaves. The only visible memory at present of this agricultural aspect of the festival is preserved in the custom to decorate the synagogues with plants and flowers. The Book of Ruth is also read on this festival, as the romantic idyll which is the theme of the book is set in the scene of wheat-harvest season. To-day the festival is chiefly associated with the Sinaitic Revelation, the giving of the Ten Commandments, and it is from this that is derived the name 'The Season of the Giving of our (Israel's) Torah' by which it is designated. Revelation being looked upon as the goal of the Exodus the festival came to be known as Atzereth, the closing festival to the Passover, commemorating the closing scene to the mighty act of Redemption from Egypt. Reminiscent of the preparations which the Israelites had to make for the receiving of the Law, it is customary for Jews to keep awake the whole night, reading selections of the Bible and the Oral Law, which is also part of the Sinaitic Revelation. In modern Israel, the connection of the Festival with nature has been renewed by a symbolic revival of the ancient ceremony of the offering of the first fruit (Bikkurim). On the day following the festival, settlers in New Judea bring offerings of first fruits for the benefit of the Jewish National Fund, which haas for its purpose the redemption of Israel's ancestral soil. In this ceremony children take a prominent part. Carrying baskets laden with produce, which they themselves have grown, they join the procession, singing the Bikkurim song:

'Our hands are decked with garlands,
Baskets heaped to the brim.
From far and near we're coming,
We're bringing Bikkurim.
From the Emek, from the Jordan and Sharon
From Judea, from Galil and Hermon.

Clear ye the way,
This is pilgrims' day.
Beat, beat, beat the drum,
Sound the flute and sing,
Beat, beat, beat the drum,
First of fruits we bring.'

## LAWS

The first Maariv is recited late, in order to fulfill the biblical command that seven full weeks must elapse of the Sephirah before Shavuoth may begin. The festival prayers are said. Shehecheyanu is recited at kiddush and the lighting of the candles. In the morning all of Hallel is said. There are two scrolls. The Thirteen Articles of Faith and Ribbono Shel Olam are included. Five sections are read in the first scroll, out of Jethro; maftir is in the second, out of the portion Phineas. Before the priestly first reader utters the benedictions, Akdamoth, the wonderful festival poem is chanted in the pleasant traditional manner.

There is the regular priestly benediction during Mussaf.

The second day's prayers are like the first, except that Ruth is read before the reading of the Torah. (This book tells of the harvest, and of the ancestry of David, who is reputed to have died on Shavuoth.) In the first scroll are read five sections from the portion Raeh; in the second, maftir, as on the first day. In many synagogues another poem, Yetziv Pisgam, is recited after the first verse of the haftorah. Memorial services precede Mussaf.

## CUSTOMS

It is a custom to remain awake the first night of Shavuoth, reading "Tikkun Shavuoth" and Psalms. In Israel, particularly among the Sephardim, this custom holds great importance. Men gather in the synagogue after their meal, and the Tikkun (excerpts from all sacred writings) is read in unison, led by the rabbi. There are frequent interruptions, marked by pleasant traditional chants and the drinking of black Turkish coffee. At the break of dawn the congregation goes to the ritual bath, and

thereafter special prayers are recited as the sun comes up.

It is also customary to decorate the synagogue with flowers and other vegetation. The Talmud says (Rosh Hashana 1), "On Shavuoth judgement is rendered on the fruits of the tree." This is to be remembered thereby.

Dairy foods are commonly eaten on this festival. The Torah, given at this time, is compared to milk — "Honey and milk under thy tongue" (Song of Songs IV, 11).

In Jerusalem, on Shavuoth and the day after, pilgrimages are made to the graves of the Davidic kings, since this is the anniversary of David's passing.

On Shavuoth also it is customary to make donations, during memorial services, for charitable and educational institutions.

## TISHAH B'AV

The ninth day of Av is Israel's day of mourning. It is the anniversary of the destruction of both Temples, in the years 2684 and 3174 in the Creation reckoning — the first by Babylonia and the second by Rome. It is a day of fasting (Zechariah calls it the Fifth Fast) and wailing. The fast begins at sunset and continues to the next sunset. The sages prescribed the same severity for this as for the Yom Kippur fast, even though it is a later precept of the rabbis. In addition to the prohibition of food and drink, there are four other forms of affliction ordered. These include interdictions against washing and oiling the body, and wearing shoes.

### LAWS

No Tachnun is recited at the afternoon prayer before Tishah B'Av. The meal before the fast is eaten; some have an egg dipped in ashes at this meal; as a symbol of mourning. The hanging before the ark is removed in the synagogue before the evening prayer. The shoes are removed befofre recitation of Barechu, and prayers are spoken silently. After praying, all are seated on the floor, to read Lamentations and the prescribed Kinnot. Only the fingers are washed in the morning. Neither tallis nor tefillin

עס איז א מנהג צו דעקארירען די שוהל און אויך די היים מיט גרינעם גראז און שמעקעדיגע בלומען. עס נעמט זיך דערפון וואס די גמרא זאגט (ר"ה פרק א') „בעצרת נדונין על פירות האילן" (שבועות ווערט מען גע'משפט וועגען די בוימער פרוכט) זאל מען זיך דורך די דאזיגע שפראצונגען דערמאנען אין דעם און מתפלל זיין.

עס איז א מנהג צו עסען שבועות מילכיגע מאכלים, ווייל עס איז זמן מתן תורתנו, און די תורה איז געגליכען צו מילך: „דבש וחלב תחת לשונך" (שה"ש ד'—י"א).

אין ירושלים איז א מנהג דעם טאג שבועות, און אויך מארגען, אסרו־חג, צו גיין מתפלל זיין אויף די קברי מלכות בית דוד, דערפאר וואס, ווי געזאגט, איז שבועות דער יארצייט פון דוד המלך.

עס איז כדאי אין דעם דאזיגען תורה יום־טוב מנדר צו זיין די „יזכור" צדקה פאר אונזערע תורה אינסטיטוציעס.

# תשעה באב

דער נײנטער טאג אין אב איז דער טאג פון נאציאנאלן טרויער ביים אידישן פאלק. דאס איז דער יארצייט־טאג פון אונזערע צוויי חורבנות, חורבן בית ראשון (אין יאר 2684 פון וועלט־באשאפונג) און חורבן בית שני (אין יאר 3174 פון וועלט באשאפונג); דער ערשטער חורבן דורך מלכות בבל און דער צווייטער דורך מלכות רומי. עס איז א טאג פון פאסטן (אין תנ"ך — זכריה ה'—י"ט — ווערט ער אנגערופן צום החמישי) און פון קלאגען. דער תענית פאנגט זיך אן ערב תשעה באב מיט זון־פארגאנג און האלט אן א גאנצן מעת־לעת. אונזערע חכמים האבן דעם דאזיגן תענית געגעבן די זעלבע הארבקייט פון יום־כפור (כאטש ער איז נאר א תענית מדרבנן) וואו אויסער עסן און טרינקען זיינען פאראן נאך פיר ענויים אין וועלכע עס גייען אריין דער איסור פון וואשן און אוילן דעם קערפער (רחיצה און סיכה) און טראגן שיך (נעילת הסנדל).

# דינים

צו מנחה ערב תשעה באב זאגט מען ניט קיין תחנון. מען עסט די סעודה המפסקת (מען איז זיך נוהג ביי דער סעודה המפסקת צו עסן אן איי איינגעטונקט אין אש לזכר אבלות). פאר מעריב נעמט מען אראפ דעם פרוכט אין שול. מען טוט אויס די שיך פאר ברכו, און מען דאווענט אין דער שטיל. נאך מעריב זעצט מען זיך אויף דער ערד און מען לייענט די מגילת איכה מיט די נאכגעפאלגטע קינות. נעגעל־וואסער אינדערפרי זאל מען וואשן בלויז איבער די פינגער. ביים דאווענען לייגט מען ניט קיין טלית ותפילין און מען זאגט ניט די ברכה „שעשה לי כל צרכי". דער חזן זאגט עננו אין חזרת הש"ץ. מען זאגט ניט קיין תחנון און ניט למנצח

are donned, and the bleessing "Who hath provided all my means" is omitted. The special paragraph "Amenu" is inserted by the reader. Neither Tachanun nor Lamnatzerach-Ya'ancha are read. Three sections are read from the portion Vaeschanan ("If thou wilt bear children"). The third reader called up also has the haftorah "They shall bring out the bones" (Jeremiah VIII). This is read in the mournful chant employed on Tishah B'Av; and the blessings are concluded with "Magen David". After return of the scroll the Kinnot are recited. Then come Ashre and Uva Letzion, omitting the passage "And as for me, this is My convenat." Kaddish is recited without "Tiskabel," and the psalm of the day is passed over. No man greets another. For half the day no work is done, and none seat themselves on ordinary chairs. Tallis and tefillin are donned for Minchah—the afternoon prayer; the day's psalm and the Shema are read, followed by Ashrei and the reading of three sections of "Vayechal." The third reader has the haftorah "Seek ye the Lord". Two interpolations in the Shemoneh Esreh, silent prayer, are Nachem and Anenu. Neither Tachnun nor Avinu Malkenu are said. The shoes are put on after Maariv. The New Moon is blessed. No meat nor wine is taken until noon of the following day.

## CUSTOMS

On the night of Tishah B'Av thousands of Jerusalem Jews stream to the West Wall to bewail the Destruction. In the morning after the Kinnot there is a custom of throwing burrs and gourd rinds at one another, as a demonstration against yielding to despair. Sephardic Jews have the custom of washing the floors and kalsoming their homes in the afternoon. This is in honor of the Messiah, who is traditionally expected to be born on Tishah B'Av.

During recent years it has become a tradition in Israel and many other lands to employ Tishah B'Av as a time of collecting funds for the Jewish National Fund and other agencies for rebuilding the Holy Land.

יענד. מען לייענט אין דער תורה דריי קרואים אין פרשת ואתחנן (כי תוליד בנים). דער דריטער עולה איז דער מפטיר. ער זאָגט די הפטרה פון „אסף אסיפם" (ירמיהו ח') מיט'ן נגון פון איכה, נאָכהער די ברכות ביז מגן דוד. מען שטעלט אַריין די ספר תורה און נאָכהער זאָגט מען די קינות. מען ענדיגט מיט אשרי ובא לציון (מען היפּט איבער דעם פסוק ואני זאת בריתי). קדיש אָן תתקבל און מען זאָגט ניט דעם שיר של יום. מען באַגריסט זיך ניט איינער מיט'ן אַנדערן און ביז האַלבן טאָג טוט מען ניט קיין אַרבעט און מען זיצט ניט אויף קיין בענקעל. צו מנחה לייגט מען טלית ותפילין; מען זאָגט דעם שיר של יום און אויך קריאת שמע, נאָכהער אשרי און מען לייענט „ויחל" דריי קרואים, דער דריטער איז מפטיר און זאָגט די הפטרה „דרשו ה' בהמצאו". אין שמונה־עשרה זאָגט מען „נחם" און „עננו". מען זאָגט ניט קיין תחנון און אויך ניט אבינו מלכנו. נאָך מעריב טוט מען אָן די שיך. מען איז מחדש די לבנה. קיין פלייש עסט מען ניט און קיין וויין טריקט מען ניט ביז אויף מאָרגען נאָך האַלבען טאָג.

## מנהגים

אין ירושלים תשעה באב ביינאַכט שטראָמען טויזענטער מענטשן צום כותל המערבי וואו מען זאָגט קינות און מען באַוויינט דעם חורבן. אינדערפרי נאָך די קינות איז א מנהג זיך צו וואַרפן אין א שטיפעריי מיט בערעלעך אָדער שאַלעלכץ פון ארבוזעס. דאָס איז א מין דעמאָנסטראַציע געגען יאוש און פאַרצווייפלונג. ביי די ספרדישע אידן איז א מנהג תשעה באב נאָך האַלבן טאָג צו וואשן די פּאָדלאָגעס און אַרומקאַלכען די הייזער. דאָס איז לכבוד משיח'ן וועלכער דאַרף, לויט דער מסורה, געבוירן ווערן אין טאָג פון תשעה־באב — ומנהג ישראל תורה היא.

אין די לעצטע יאָרן איז עס געוואָרן א טראַדיציע אין ארץ ישראל און אויך אין א סך גלות־לענדער אַנצופירן תשעה־באב אַן אַקציע פון געלט־זאַמלונגען פאַר די פאַרשידענע נאַציאָנאַלע פאָנדן וואָס פאַרנעמען זיך מיט דעם ווידער־אויפבוי פון ארץ ישראל.

## ש ב ת

שבת איז א צייכן צווישן דעם באַשעפער און זיין פאָלק ישראל (ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם — שמות ל"א). השי"ת האָט געזאָגט צו משה'ן: „איך האָב א גוטע מתנה אין מיינע אוצרות און איך וויל זי געבן צו די אידן, גיי און לאָז זיי וויסן" (שבת י'). שבת איז ניט נאָר א טאָג פון מנוחה נאָר אויך פון קדושה (יום מנוחה וקדושה לעמך נתת), און אין דעם דאָזיגן גייסט איז שבת אָפּגעהיט געוואָרן דורך אונזערע עלטערן.

די קדושה פון שבת האָט זיך נאָך אָנגעהויבן פילען מיט די הכנות פון ערב שבת. די צוגעגרייטע מאכלים האָבן פאַרשמעקט די גאַנצע הויז, און דאָס גאַנצע

## THE SABBATH

The Sabbath is a sign between the Creator and His people Israel ("For it is a sign between Me and you throughout your generations"—Exodus XXXI). God said to Moses, "I have a splendid gift among My treasures, which I would give to the Jews. Go, let them know of it" (Talmud Sabbath 10). The Sabbath, as expressed in the Bible, is not alone a day of rest but also of holiness. It was celebrated in this spirit by our ancestors.

The sanctity of the day is experienced even with the preparations for it. The special foods fill the home with their aroma, and the entire household is occupied with preparatory measures. Nails are cut, the ritual bath visited, the coming portion looked over, the Song of Songs read aloud. In this manner has the Sabbath atmosphere been created immemorially.

In past days among all Jews the Sabbath provided a sweet and sanctified quietude. All weekday worries disappeared, and the dominating factor in the thoughts of observers was entirely spiritual.

The Sabbath was also the best opportunity for furthering the training of the young. After his Sabbath nap, the father had his children recite what they had studied during the week, thus they were admonished to do well at school and give their elders joy in their achievement.

The movement to enhance Sabbath observance in America, recently much extended, is an honor to American Jewry. Those who instituted it are greatly to be praised. It must be impressed upon every Jew that his economic existence can be assured even with full Sabbath observance. There must again be aroused the faith and belief that Sabbath rest is the prime factor in creating economic success during the reminder of the week. It must be remembered that observance of the day also maintains our national loyalties. With the Sabbath we are free men; without it we are enslaved by a vain materialism.

הויז־געזינט איז געווען באַשעפטיגט ארום דעם שבת. שניידען די נעגעל, גיין אין מקוה, מעביר זיין די סדרה און זאָגען שיר השירים, דאָס אַלעס האָט אריינגעבראַכט די אַטמאָספערע פון שבת.

דער שבת אליין איז געווען באַהויכט מיט זיסע הייליגע רוהיקייט. אַלע וואָכע־דיגע דאגות זיינען פאַרשוואונדען געוואָרען, און דאָס גייסטיגע איז געוואָרען דער דאָמינירענדער כח און פאַקטאָר.

שבת איז אויך געווען דער בעסטער טאָג אויף אָפּצוגעבן זיך מיט דער דער־ציהונג פון די קינדער. דעם טאַטענס „פאַרהערען" נאָכ'ן שבת שלאָף, האָט געדינט פאַר'ן קינד אַלס א וואָרנונג פאַר דער גאַנצער וואָך אויף צו פלייסען זיך אין לערנען.

די באַוועגונג פאַר שמירת שבת אין אַמעריקע, וואָס האָט לעצטענס אָנגענומען אַן ערענסטען כאַראַקטער, איז געווייס א כבוד פאַר'ן אַמעריקאַנער אידענטום, און די איניציאַטאָרן דערפון זיינען זיכער לויבענסווערט. עס דאַרף און זאָל דערפירן צום געדאַנק אַז די עקאָנאָמישע עקזיסטענץ קען זיין פולשטענדיג געזיכערט אַפילו מיט אָפּהיטן שבת. עס דאַרף זיך אומקערען דער גלויבען און בטחון, אַז די רוה פון שבת איז גראָדע די סיבה צום עקאָנאָמישען סוקסעס אין די וואָכעדיגע טעג, און מען דאַרף האָבן דעם באַוואוסטזיין אַז שבת פורעמט אויס אונזער נאַציאָנאַלע געשטאַלטונג. מיט שבת זיינען מיר פרייע מענטשן, אָן שבת זיינען מיר וויסטע שקלאַפען . . .

## דינים פון שבת

די שבת דינים זיינען זעהר פיל און פאַרנעמען כמעט דעם גרעסטן פּלאַץ אין אונזער גמרא און שולחן ערוך. שאלות וואָס האָבן צו טאָן מיט שבת, דאַרף מען זיך ווענדען זיי ווענדען צום רב אין דער נאָכבאַרשאַפט. עס איז אָבער כדאי אָנצו־ציינן אויף געוויסע זאכען, וואָס מאַנכע מענטשן נעמען עס גרינג ווערענד אין אמת'ן זיינען זיי פון די הארבסטע סאָרטן חלול שבת. אזוי למשל: דאָס צינדן די שבת־ליכט נאָך דער צייט (יעדן פרייטאָג איז אויפ'ן לוח־בלעטעל אָנגעגעבן די ריכטיגע צייט פון ליכט־צינדן); דאָס טראָגען דעם טלית אונטער'ן אָרעם ביים גיין אין שוהל אריין; באַוואָסערען די בלומען־טעפּ, אָדער די לאָנקע אין פראָנט פון הויז: פאַרבריהען פרישע טיי אָדער קאָפי. דאָס, און נאָך אַזעלכע „קלייניקייטן", זיינען דוקא די גרעסטע שבת־עבירות, און גראָדע דאָס אויסמיידן זיי, איז ניט אַזאַ שווערע זאַך.

לאָמיר צוריק אומקערן שבת איר קדושה, און מיר וועלן דערמיט ראַטעווען דעם קיום פון אונזער פאָלק.

## THE FOUR FAST DAYS

In addition to the Yom Kippur fast, the only one mentioned in the Tora, four additional fasts were established in prophetic times, each associated with a specific tragic event in our history.

These four comprise: 1) Shiveah Asar B'Tamuz; 2) Tishah B'Av; 3) Tzom Gedaliah (third day of Tishri); and 4) Asarah B'Teveth. The prophet Zechariah (VIII, 19) declares that these facts of the fourth month (Tamuz), fifth (Av), seventh (Tishri), and tenth (Teveth) — will some day become for the house of Judah "joy and gladness, and cheerful seasons."

There is also the Fast of Esther, just before Purim, but this is not included in the above category.

## SHIVEAH ASAR B'TAMUZ

On the seventeenth of Tamuz took place five tragic episodes. Because of the sin of the golden calf the first tablets of the Law were broken. It is traditionally believed that on that day a decree of the government prohibited the daily sacrifice, brought in the Temple. On that day also it is said that the evil Apostomus burnt the scroll of the Law. Then, too, Menasseh placed an idolatrous image in the holy place. And finally it was on that day that the Emperor Titus broke into the Holy City (Taanit 26-28).

## TISHAH B'AV

It was on the ninth of Av that our ancestors in the wilderness were commanded never to enter the Promised Land. Both Temples were destroyed on that selfsame day. The great Jewish city of Bethar was then captured after a long siege. And Zion was then laid level with the dust and plowed over as a field (Taanit 27).

The laws and customs of Tishah B'Av are cited herein in their proper place.

## TZOM GEDALIAH

On the third day of Tishri, Gedalia ben Ahikam, appointed governor of Judah's remnant by the king of Babylonia after most

# ארבע תעניות (די פיר תעניתים)

אויסער דעם תענית פון יום־כפור וועלכער איז דער איינציגער וואס איז געשריבן אין דער תורה, איז אין צייט פון די נביאים צוגעקומען נאך פיר תעניתים, יעדערער פון זיי צוליב געוויסע טרויעריגע פאסירונגען וואס זיינען פארבונדען מיט דעם באטרעפענדען טאג.

די דאזיגע פיר תעניתים זיינען: 1) שבעה עשר בתמוז; 2) תשעה באב; 3) צום גדליה — ג׳ תשרי; 4) עשרה בטבת.

דער נביא צפניה פארזיכערט די אידן אז „דער צום הרביעי (תמוז); דער צום החמישי (אב); דער צום השביעי (ג׳ תשרי) און דער צום העשירי (טבת), וועלען זיין צום בית־ישראל טעג פון ששון ושמחה און מועדים טובים" (זכריה ז׳ — י״ט).

עס איז אויך דא דער תענית אסתר וואס מען פאסט ערב פורים, אבער דער דאזיגער תענית איז ניט איינגעשלאסען צווישען די דערמאנטע תעניתים.

## שבעה עשר בתמוז

אין דעם טאג האט געטראפען פינף טרויעריגע פאסירונגען: עס זיינען צובראכן געווארן די ערשטע לוחות (אלס רעזולטאט פון דעם חטא העגל); אין דעם טאג איז בקבלה, אז עס איז בטל געווארען דאס מקריב זיין פון קרבן תמיד צוליב גזירת המלכות; עס איז אויך בקבלה, אז אין דעם טאג האט אפוסטמוס הרשע פארברענט די תורה; אז מנשה האט דעם טאג ארייגעשטעלט א צלם אין היכל; און אין צייט פון בית שני, אין דעם טאג איז צושפאלטן געווארן די שטאט דורך טיטוס הרשע (תענית כ״ו—כ״ח).

## תשעה באב

אין דעם ניינטן טאג פון חודש אב איז נגזר געווארען אויף אונזערע עלטערן, דער דור המדבר, אז זיי זאלן ניט אריינקומען אין ארץ ישראל; אין דעם טאג איז חרוב געווארען דער ערשטער און צווייטער בית המקדש; תשעה באב איז אויך איינגענומען געווארען די גרויסע אידיש־באפעלקערטע שטאט „ביתר"; און אין דעם טאג איז די שטאט ציון צואקערט געווארן ווי א פעלד (תענית כ״ו).

## צום גדליה (ג׳ תשרי)

דעם דריטן טאג אין תשרי איז גע׳הרג׳ט געווארן גדליהו בן אחיקם, וועלכער איז באשטימט געווארען דורכ׳ן מלך בבל אלס דער נציב (הויך־קאמיסאר) איבער דעם קליינעם רעשטעל אידען (דלת העם) פון יהודה, וואס איז איבערגעבליבן

of the people had been transported to that land, was assassinated. A partisan of the prophet Jeremiah, Gedaliah's aim had been to maintain peace with the Babylonians and thus preserve Jerusalem and the Temple from destruction. Belis, king of Ammon, determined to effect the complete ruin of Judah, provoked Ishmael ben Nathaniah, of the royal family, to slay the governor. And this political crime directly brought on the end of the Southern Kingdom. For this reason the day has always been kept as a public fast.

## ASARAH B'TEVETH

On the tenth day of Teveth in the ninth year of Zedekiah's rule, Nebuchadnezzar came down from Babylonia with his entire host to lay siege to Jerusalem. In the eleventh year of Zedekiah's reign, hunger drove the city to inevitable capitulation. The last king of Judah was captured after attempting escape through subterranean tunnels to Jericho, and his end came tragically.

## LAWS

Except for Tishah B'Av the laws of these fasts are similar. The fast begins at dawn. At morning prayers penitential prayers are chanted, according to the day. "Avinu Malkenu" is recited. During the silent prayer "Anenu" is added to "Shomea Tefillah," and the cantor recites the special prayer before "Refaenu" is read at morning and afternoon prayers. The third reader at Minchah recites the haftorah, "Dirshu." The cantor offers the priestly blessing during repetition of the silent prayer; and "Avinu Malkenu" is chanted at Minchah also.

The feeble and sickly must govern their conduct according to rabbinical counsel.

---

נאכדעם ווי די אידן זיינען פארטריבן געווארען קיין בבל. גדליהו איז געווען אן אנהענגער פון ירמיהו הנביא און זיין שיטה, שלום צו מאכן מיט די בבליים, און אזוי ארום מציל זיין ירושלים און דעם בית המקדש פון דעם חורבן. בעלים, דער קעניג פון עמון, וועלכער האט געוואלט זעהן די פולשטענדיגע פארניכטונג פון יהודה, האט אנגערייצט ישמעאל בן נתניה, וואס איז געווען פון קעניגלעכן אפ־שטאם, צו טויטן גדליה'ן. דער דאזיגער מארד האט ווירקליך געבראכט די ענדע פון יהודה, און דערפאר איז דער דאזיגער טאג באשטימט געווארן פאר א תענית צבור לדורות (זכריה ז'—ח'—י"ט).

## עשרה בטבת

דעם צענטן טאג אין טבת, אין דעם ניינטן יאר פון מלכות צדקיהו, איז נכובדנצר דער קעניג פון בבל מיט זיין גאנצן חיל געקומען קיין ירושלים און בא־לאגערט די שטאט. די באלאגערונג האט אנגעהאלטן ביז דעם עלפטן יאר פון מלכות צדקיהו, ווען, צוליב דעם הונגער־דרוק, האט די שטאט מער ניט געקענט אויסהאלטן די באלאגערונג, און די אינוואזיע איז געווען אומפארמיידליך. דאס האט געפירט צום טראגישן סוף פון לעצטן קעניג פון יהודה, וועלכער איז געכאפט געווארן, נאך א ניט־געלונגענעם פארזוך צו אנטלויפען דורך אן אונטערערדישן טונעל צו יריחו.

## דינים

אויסער תשעה באב זיינען די דינים פון די דערמאנטע תעניתים אלע גלייך. דער תענית פאנגט זיך אן אינדערפרי מיט'ן אויפגאנג פון מארגן־שטערן. ביים דאווענען זאגט מען סליחות פון דעם באטרעפענדן טאג. קהל זאגט אין דער שטילער שמונה עשרה עננו ביי דער ברכה פון שומע תפלה, און דער חזן, אין חזרת הש"ץ פאר ברכת רפאינו. מען לייענט ויחל צו שחרית און מנחה. צו מנחה איז דער דריטער עולה דער מפטיר, און לייענט די הפטרה פון דרשו ה' בהמצאו. אין חזרת הש"ץ פון מנחה זאגט דער חזן ברכת כהנים. מען זאגט אבינו מלכנו ווי ביי שחרית.

קראנקע און שוואכע, זאלן ווענן תענית פרעגן א שאלה ביי א רב.

---

## LAWS RELATING TO THE MEZUZAH

It is positive command to affix the Mezuzah on every door, even if one has many rooms, and in every room where there are many doors made for entrance and exit.

It is necessary to affix the Mezuzah on the right side of the entrance and if it is affixed on the left side, it is invalid, and it should be removed and affixed on the right hand side, and the benediction must be pronounced (upon affixing it again). And it is immaterial in this respect whether one is left handed or not.

Before affixing the mezuzah, he should say the benediction "Blessed art thou who hast commanded us to affix the mezuzah". If he has to affix many mezuzoth one benediction suffices for all of them.

Bath-houses, tanneries and immersion houses, require no mezuzah. It is a duty of every man to be very careful in performing the process of the mezuzah, because it is an obligation involving all. Whenever one comes in and goes out he is confronted with His name, the name of the Holy one, blessed be He, and remembering His love, he will awake from his sleep and will cease going astray after the vanities of the time. He will then become aware that there is nothing in this world enduring for all enternities except the knowledge of the Rock of the world, and he will at once repent and walk in the path of the righteous. Our Rabbis, of blessed memory, said: He who has tephilin on his head and on his arm, fringes in his garment, and a mezuzah upon his door, will not sin, because he has many reminders; and these are the very angels who save him from sin, as it is written: "The angel of the Lord encampeth round about those who fear Him, and delivereth them" (Ps. XXXIV, 8). Our Rabbis, of blessed memory, said again: For the crime of not observing the precept of the mezuzah, his sons and daughters will die while yet in their infancy; but he who strictly observes it, his children will prolong their days, for it is said: "In order your days may be multiplied, and days of your children".

# הלכות מזוזה

מען איז מחויב אנצוקלאפן א מזוזה אויף יעדער טיר ווי מען וואוינט. אויף א באדרום דארף מען ניט קיין מזוזה. א צימער וואס ענטהאלט ניט קיין פיר יארד די לענג און די ברייט און עס ניט קיין טיר, זאל מען אנקלאפן די מזוזה און ניט זאגן קיין ברכה. דאס ארט פון דער מזוזה איז אין דער רעכטער זייט פון דער טיר ווי מען קומט אריין אין הויז. אויב די ביישטיל איז הויך דארף מען אכטונג געבן די מזוזה זאל ניט אנגעקלאפט ווערן העכער פון דעם אקסעל פון מענטש.

די מזוזה זאל מען דורך א תלמוד חכם לאזן אנקלאפן, וואס ווייסט די אלע דינים פון מזוזה.

איידער מען קלאפט אן די מזוזה ווערט די פאלגענדע ברכה געזאגט:

## ברוך אתה יהוה אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו לקבוע מזוזה.

ווען מען קלאפט אן עטליכע מזוזות אין איין וואוינונג זאל מען זאגן נאר איין ברכה. ווען מען האט ניט אנגעקלאפט די מזוזה נאר אויפגעהאנגען איז מען ניט יוצה. מען דארף די מזוזה לאזען באקוקען צוויי מאל אין זיבן יאר.

מ׳זאל געווארט זיין אין די מצוה מזוזה, ווייל חז״ל לערנען אז דער וואס דאווענט יעדן טאג פון תפילין און טראגט אויף זיך ציצית און איז מקיים די מצוה מזוזה וועט באהיט ווערן צו זינדיקן און וועט זוכה זיין לאנג צו לעבן מיט זיינע קינדער ווי עס שטייט למען ירבו ימיכם וימי בניכם.

---

## LAWS APPERTAINING TO CHARITY

It is a positive commandment to give alms to the poor of Israel for it is written: "Thou shalt open thy hand unto him" (Deut. XV, 8) and it is also said: "That thy brother may live with thee" (Lev. XXV, 36). He who sees a poor man beg and is blind to his supplications and gives him no relief, transgresses a negative precept, for it is said: "Thou shalt not harden thy heart nor shut thy hand from thy poor brother" (Deut. XV, 7). Charity symbolizes the descendants of our father Abraham, for it is said: "For I know him that he will command his children

etc. to do zedakeh (charity) "The throne of Israel is established and the law of truth exists only by means of charity, for it is written: 'In righteousneess shalt thou be established' (Is liv. 14). The giving of charity is greater than all the sacrifices, for it is said: "To exercise zedakah (charity) and justice is more acceptable to the Lord than sacrifice" (Prov. XXI, 3). And Israel will be redeemed only by means of charity, for it is written: "Zion shall be redeemed by justice, and those that return to her by zedakah (charity)" (Is. I, 27). No man ever becomes impoverished by giving charity, nor will any evil or harm result from its practice, as it is said: "And the work of charity shall be peace" (Is. XXXII, 17). To him that is merciful mercy is shown, as it is said: "And he will show thee mercy, and have compassion on thee and multiply thee" (Deut. XIII, 7). If one is cruel and merciless it is to be apprehended that his lineage is non-Jewish. The Holy One, blessed be He, listens to the cry of the poor, as it is said: "And the cry of the poor will He hear" (Job. XXXIV, 28) Therefore should one beware of their cry (to the Lord) who has made a covenant with them, as it is said: "And it shall come to pass when he cried unto Me, that I will hear for I am gracious" (Ex. XXII, 27); and in the Jerusaelm Talmud it is said: "A door that did not open for the poor will open for the physician." A man should consider the fact that he is continually praying for sustienence from the Holy one, blessed be He, and just as he prays that Holy One, listen to his cry and supplication, so should he listen to the supplication of the poor. One should also consider that the wheel of fortune is ever revolving and that he himself for his son or his grandson will eventually have to beg for charity. Let no one think to himself saying: "Why should I diminish my wealth by giving it to the poor?" for he has to know that the money really does not belong to him, but was entrusted to him as a bailment to execute the will of the Bailor. And before thee shall go thy zedakah (charity) (Is. VII, 8).

Charity delays evil decrees and increases life.

## דינים פון ביקור חולים

אז איינער איז שלאף ח"ו זאל ער בעטן אז ערליכן איד ער זאל מתפלל זיין פאר אים. אויך זאל ער געבן צדקה און תשובה טאן, און זאל רופן א גוטן דאקטאר. און ער זאל בעטן גאט ברוך הוא ער זאל אים שיקן א גוטע רפואה דורך דעם דאקטאר.

די מצוה פון ביקור חולים איז זייער גרויס. און דער עיקר מצוה איז אז מען קומט אריין צו דעם שלאפן זאל מען אכטונג געבן וואס ער דארף און זען אז ער זאל דאס האבן. און אויך צו בעטן דעם אייבערשטן אז דער שלאפער זאל געזונט ווערן.

אז מען בעט ניט פאר אים איז מען ניט מקיים די מצוה.

אז מען איז שבת מבקר חולה זאל מען זאגן די ווערטער. שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבוא".

אז איינער איז שלאף אויף א שלאפקייט וואס ער שעמט זיך פאר מענטשן, אדער דער וואס איז שלאף אויף א שלאפקייט וואס שאט אים דאס רעדן, גייט מען ניט מבקר חולה זיין וואו ער ליגט, נאר מען גייט אריין אין דער פארענדיקער שטוב און מען גיט אכטונג ער זאל האבן וואס ער דארף. און מען איז מתפלל ער זאל געזונט ווערן.

## דינים פון קריעה שניידן

איידער א מענטש שטארבט איז ער א גוסס ר"ל. און דעמאלט ווען ער איז א גוסס טאר מען אים ניט אנרירן, ווייל דורך דעם אנרירן קען ער ח"ו גיכער שטארבן. אפילו אפירשלעפט דאס קישן פון אים טאר מען אויך ניט.

פאר יציאת נשמה זאל מען רופן אידן זיי זאלן זאגן תהילים און אלץ וואס עס שטייט בספר מעבר יבוק.

די קרובים פון מת וואס זיצן שבעה דארפן קריעה זיין כאטש זיי זיינען ניט דא ביים שטארבן. זיי מוזן איינרייסן אין מאלבוש פארענט פאר דעם הארץ אזוי גרויס ווי א פויסט.

דער ריס דארף זיין פון אויבן אראפ, אבער ניט אין דער ברייט און אויך נאר וואו דאס מלבוש איז גאנץ, אבער ניט אין דער נויט.

דעם וואס עס שטארבט דער פאטער אדער די מוטער ח"ו דארף ער איז קורע זיין אלע מלבושים א חוץ דאס העמד און אייבער מלבוש.

א אשה איז מחויב זיך קורע זיין גלייך ווי א מאן. נאר אז א אשה איז זיך קורע אויף פאטער און מוטער זאל זי ניט קורע זיין פונקט איין מלבוש קעגן אנדערן, כדי מען זאל ניט ארויסזהען איר העמד.

אויף פאטער און מוטער דארף מען זיך קורע זיין אין מלבוש ביי דער לינקער ברוסט, און אויך נאר מיט דער האנט. (נאר עטוואס שטייט מען איין). און פאר יעדערן מענטש.

אויף אנדערע מתים וואס מען זיצט נאך זיי שבעה איז מען זיך קורע ביי דער רעכטער ברוסט און מען מעג קורע זיין מיט א מעסער. עס איז גלייכער, אז מענטשן זאלן ניט זעהן דאס קורע זיין.

אלע קריעות דארפן זיין שטייענדיקער הייט.

די אבלים זאלן זאגן צדוק הדין באלד נאך יציאת נשמה און דערנאך זיך קורע זיין.

מען טאר ניט צוניין דעם ריס ביז נאך דרייסיג טאג. אז מען איז קורע אויף פאטער און מוטער טאר מען אפילו ניט נאך דרייסיג טאג צוניין, נאר מען זאל שיטער צוניין, אבי עס זאל זיין באהעפט.

אז מען ווערט געוואר ערשט נאך דרייסיג טעג אז דער קרוב איז געשטארבן דארף מען שוין ניט קורע זיין. אבער אויף פאטער און מוטער אפילו אז מען ווערט געוואר א יאר שפעטער דארף מען אויך קורע זיין.

מען דארף אויסגיסן דאס וואסער פון דעם גאנצן הויז וואס דער מת איז דארט געשטארבן, און אויך פון צוויי הייזער דאלעבן.

אבער אז ער איז געשטארבן אין שבת דארף מען ניט אויסגיסן דאס וואסער. אז עס איז געבליבן א ביסל ביז מוצאי שבת איז גלייך עס אויסצוגיסן.

## דינים פון אן אונן

אז עס שטארבן איינעם א מת וואס ער דארף נאך אים זיצן שבעה הייסט ער אן אונן. ביז מען באגראבט דעם מת. ער טאר ניט דאווענען, און ניט מאכן קיין שום ברכה און ניט נאכזאגן קיין אמן און ניט עוסק זיין אין וועלכע מצוה, נאר ער זאל עוסק זיין פון מת וועגן.

אפילו ער האט אנדערע וואס זיינען עוסק דערצו, זאל ער אויך צוהעלפן אביסעל. מען זאל זעהן אז ער איז טארוד פון מת וועגן און איז זיך מצער אויף אים.

אן אונן טאר ניט עסן קיין פלייש און טרינקען וויין, אויך טאר ער ניט עסן זיצענדיגער הייט נאר כאפענדיק. און ער זאל ניט מאכן קיין ברכה איבער דעם עסן.

אז ער עסט ברויט אדער געבעקס זאל ער זיך וואשן און ניט זאגן על נטילת ידים און ניט מאכן קיין מוציא און ניט בענטשן.

ער זאל ניט עסן אין דעם שטיבן וואו דער מת ליגט נאר ערגעץ אנדערש.

אז ער האט ניט וואו צו עסן זאל ער פארהענגען פאר דעם מת מיט א פארהאנג וואס איז הויך צען פאסטן און עס זאל ניט זיין הונטן אפן, און עס זאל זיין צוגעבונדן אויבן און הונטן.

נאך דער קבורה אז עס איז נאך פאר דעם האלבן טאג זאל ער דאווענען אן תפילין.

ביי די ברכות פון דעם פארענט דאווענען זאל ער נאר זאגן ברכת התורה

און די דריי ברכות: שלא עשני גוי, שלא עשני עבד, שלא עשני אשה. אָבער די איבעריגע ברכות פון דעם פארענט דאוועגען זאָל ער ניט זאָגן, ווייל אינדערפרי ווען ער איז אויפגעשטאַנען איז ער פּטור געווען פון זיי.

אז דער אונן האָט געגעסן פאַר דער קבורה און האָט ניט געבענטשט זאָל ער בענטשן נאָך דער קבורה, אָבער אז עס האָט לאַנג געדויערט און ער איז שוין ווידער הונגעריג זאָל ער שוין ניט בענטשן אויף יענעם עסן.

אז דער מת איז געשטאָרבן אין שבת הייסט ניט דער קרוב קיין אונן. ער מעג עסן פלייש און טרינקען וויין און דאַרף דאוועגען און מאַכן אַלע ברכות און בענטשן גלייך ווי אַנדערע. נאָר ער טאָר ניט לערנען (חוץ הלכות אבילות).

שבת גאָר פאַרנאַכט זאָל ער זאָגן די בלויזע קריאת שמע און בייגאַכט הייסט ער שוין אַן אונן און דאַוונט ניט קיין מעריב און מאַכט ניט קיין הבדלה ביז נאָך דער קבורה.

אז די קבורה איז ערשט זונטיק זאָל ער זונטיק נאָך דער קבורה מאַכן הבדלה איבער א כוס און זאָל ניט מער זאָגן נאָר דעם בורא פּרי הגפן אָדער שהכל און די ברכה המבדיל.

אז דער מת איז געשטאָרבן יום טוב אָדער פּורים זאָל מען פרעגן א שאלה ווי אַזוי מען זאָל זיך נוהג זיין.

## דינים אז א כהן טאָר זיך ניט מטמא זיין צו א מת

דער כהן מעג זיך מטמא זיין צו זיין פאָטער און צו זיין מוטער, צו זיין ווייב און צו זיינע קינדער, צו זיין ברודער און צו זיין שוועסטער, וואָס זיינען פון איין פאָטער און די שוועסטער האָט נאָך ניט חתונה געהאַט, דען נאָך דער חתונה טאָר זיך שוין ניט מטמא זיין צו איר.

צו זיינע קינדער און שוועסטער און ברידער וואָס זיינען נאָך ניט אַלט געווען קיין דרייסיג טעג טאָר ער ניט זיך מטמא זיין.

צו די קרובים וואָס מיר האָבן געשריבן איז א מצוה זיך מטמא צו זיין און צו העלפן וואָס מען דאַרף טאָן, אָבער שבת וואָס מען טוט נאָר ניט זאָל ער ניט זיין אין דעם הויז.

## דינים פון דער לויה

עס איז א מצוה מלוה צו זיין דעם מת. דער וואָס גייט טראָגן דעם מת און גייען ניט צו דער לויה האָט אַן עבירה.

אז אַן ערליכער איד איז געשטאָרבן איז א מצוה צו וויינען נאָך אים. עס איז א סגולה צו דעם מענטש וואָס וויינט נאָך אים אז זיינע קליינע קינדער זאָלן ניט שטאַרבן.

מען מוז שטאַרק געוואָרענט זיין די מאַנצביל זאָלן זיך ניט מישן מיט די ווייבער ביי דער לויה.

נאָך דער קבורה טאָר דער אבל ניט עסן פון זיינעם, נאָר פון דעם וואָס מען שיקט אים. און עס איז א מצוה די שכיינים זאָלן אים שיקן עסן.

דאָס מאכל זאָל זיין אייער אָדער אַרבעס מיט בייגל. דערנאָך מעג ער שוין עסן אפילו פלייש.

אַז מען שיקט אים ניט איז גלייך ער זאָל פאַסטן ביז נאַכט. אַז ער קען ניט פאַסטן מעג ער עסן פון זיינעם.

די אשה וואָס זיצט שבעה זאָלן ווייבער שיקן איר צו עסן נאָך דער קבורה.

## דינים נאָך וועמען מען דאַרף זיצן שבעה

נאָך די קרובים דאַרף מען זיצן שבעה. נאָך פאָטער און מוטער, נאָך זיינע קינדער, נאָך שוועסטער און ברידער, מאַן און ווייב איינער נאָך דעם אַנדערן.

נאָך א קינד וואָס איז ניט אַלט געוועזן קיין דרייסיג טאָג דאַרף מען ניט זיצן קיין שבעה און ניט קורע זיין נאָך אים. עס איז פאַראַן טייל מאָל וואָס מען דאַרף יאָ, דעריבער זאָל מען פרעגן א שאלה.

א אינגל וואָס איז נאָך ניט אַלט קיין דרייצן יאָר דאַרף ניט זיצן קיין שבעה, אַז עס שטאַרבט אים וועלכער עס איז א קרוב. אָבער קורע זיין דאַרף ער יאָ כדין ווי מיר האָבן געשריבן.

אַז איינער ווערט געוואָר אַז עס איז אים געשטאָרבן א קרוב וואָס ער דאַרף נאָך אים זיצן שבעה און עס איז נאָך ניט קיין דרייסיק טאָג דאַרף ער קורע צו זיין און זיצן שבעה און נוהג זיין שלשים, גלייך די קבורה וואָלט געוועזן דעם טאָג וואָס ער איז געוואָר געוואָרן. אַז ער ווערט געוואָר פאַר'ן דאַווענען זאָל ער דעם טאָג ניט לייגן קיין תפילין אַזוי ווי אַן אַנדערער אבל דעם טאָג פון דער קבורה.

אַז ער ווערט ערשט געוואָר נאָך דרייסיג טאָג זיצט ער נאָר איין שעה. היינו ער טוט אויס די שיך און זיצט א שעה אויף דער ערד. דערנאָך הויבט ער זיך אויף און דאַרף שוין ניט נוהג זיין קיין שבעה און קיין שלשים.

דעם טאָג פון דער קרובה טאָר דער אבל ניט לייגן קיין תפילין.

## דינים וואָס דער אָבל טאָר ניט טאָן אין דער שבעה

דער אבל טאָר ניט אין שבעה זיצן אויף א באַנק אָדער אויף בעטגעוואַנט, נאָר אויף דער ערד אָדער אויף א קליין בענקעלע.

צו שלאָפן אין א בעט איז די וועלט מקיל, אָבער ווען ער וויל ניט שלאָפן טאָר ער ניט ליגן אויף דעם בעט און ניט אויף א באַנק.

דער אבל טאָר ניט טוען קיין מלאכה און אויך ניט האַנדלען. אפילו אַנדערע טאָרן ניט טאָן פאַר אים. אַז ער דאַרף נויטיג וועלכעס ער וועט האָבן א היזק זאָל ער פרעגן א שאלה.

די מענטשן וואָס גיבן איבער דאָס געשעפט צו אַן אַנדערן איידער דער מת שטאַרבט טאָרן ני טטאָן דאָס נאָר על פי הרב. ער זאָל זיי זאָגן אויף א וואָסער אופן מען מעג דאָס טאָן.

קאכן אדער באקן און אנדערע זאכן וואס מען טוט ווענן די שטוב מענטשן מעג דער אבל טאן אין שטוב.

דער אבל טאר זיך ניט וואשן מיט ווארעם וואסער, אויך טאר ער זיך ניט באדן אין קאלט וואסער.

ער טאר זיך ניט שמירן פאר תענוג, אבער פון רפואה ווענן מעג ער יא.

ער טאר ניט גיין אין קיין שיך אדער שטיוול פון לעדער.

אז ער איז קראנק אדער ער האט א מכה אויף דעם פוס מעג ער גיין אין שיך.

דעסגלייכן אן אשה, וואס זיצט שבעה, און זי איז ערשט אין די דרייסיג טעג וואס זי האט געהאט א קינד מעג זי גיין אין שיך, ווייל עס איז א סכנה פאר איר אז זי וועט זיך ח"ו פארקילן.

דער ערשטער טאג פון דער שבעה איז דער טאג פון דער קבורה. און דעם זיבטן טאג פון דער שבעה דארף מען ניט זיצן א גאנצן טאג. נאר אין דער פרי ווען מען גייט אהיים פון שוהל זאל ער זיך אויפהויבן פון דער שבעה און אנטאן די שיך. דעמאלט מעג ער שוין טאן וואס ער האט ניט געטארט אין דער שבעה.

## דינים פון מנחם אבל זיין און פון דאווענען ביי דעם אבל

עס איז א מצוה מנחם אבל צו זיין.

זיי זאלן ניט אנהויבן צו רעדן (פון דער זאך) ביז דער אבל הויבט אן.

זיי זאלן ניט זאגן צום אבל וואס קענסטו טאן דער אייבערשטער האט אזוי געטאן. נאר מען דארף אים זאגן ער זאל פאר ליב נעמען וואס דער אייבערשטער טוט, ווייל אלץ וואס דער אייבערשטער טוט דארף מען צונעמען מיט ליבשאפט.

די אבלים זאלן זיצן שבעה אויף דעם ארט וואו דער מת איז געשטארבן. און עס איז א מצוה עס זאל דארט דאוונען א מנין אין דער פרי און אויף דער נאכט אפילו עס איז ניטא קיין אבל, דען דאס איז א נחת רוח פאר דער נשמה.

אז מען דאווענט דארט זאל מען ניט זאגן דעם או"א ברכנו בברכה ביי דער הויכי שמונה עשרה. און קיין תחנון און אל ארך אפים. און קיין למנצח.

נאך דעם דאווענען זאל מען זאגן דאס קאפיטל (תהילים מ"ט). עס איז א מצוה צו לערנען דארט משניות.

אז מען דאווענט דארט ראש חודש זאל מען ניט זאגן קיין הלל. אז עס איז דא אן אנדער שטיבל זאל דער אבל דארט ארייננגיין און דער עולם זאל זאגן הלל.

אבער חנוכה אדער שבת ראש חודש זאל מען יא זאגן דארט הלל.

## דינים פון שלשים און פון צוועלף חדשים נאך פאטער און מוטער און קדיש זאגן

גאנץ שלשים, דאס הייסט פון דער קבורה ביז דעם דרייסיגסטן טאג אין דער פרי טאר ניט דער אבל זיך שערן אדער גאלן די האר. און ניט אפשניידן די נעגל מיט א מעסערל אדער מיט אנדערע כלי און טאר זיך ניט וואשן מיט ווארעם און ניט

זיך באָדן אין קאַלט וואַסער פאַר תענוג און ניט אָנטאָן קיין נייעם מלבוש.

אז ער וויל אָנטאָן א געוואַשען העמד נאָך דער שבעה זאָל ער עס געבן אַ אַנדערן אָנצוטאָן א ביסל און דערנאָך מעג ער עס אָנטאָן.

אויך טאָר ער ניט זיין גאַנץ שלשים אויף א חתונה און ניט גיין צו א סעודת ברית מילה אָדער א פדיון הבן אָדער א סיום. צו עסן אויף דער סעודה, אָבער גיין באַדינען דאָרט מעג ער יאָ נאָך דער שבעה. און ער זאָל דאָרט ניט עסן נאָר אהיים נעמען זיך זיין חלק.

אויך איז דער מנהג אז דער אבל שטייט ניט אויף זיין אָרט אין שול גאַנץ שלשים, נאָר ער זאָל שטיין ווייטער פון זיין אָרט פיר איילן.

דער וואָס איז אַן אבל ח"ו נאָך דעם פאָטער אָדער מוטער זאָל זיך ניט שערן אָדער גאָלן ביז דריי חדשים נאָך דער קבורה. אז ער האָט גרויסע האָר און איז זיך שטאַרק מצער זאָל ער פרעגן א שאלה.

אויך זאָל ער ניט אָנטאָן קיין נייעם מלבוש ביז צוועלף חדשים נאָך דער קבורה, אז ער דאַרף נייטיג זאָל ער עס געבן אַן אַנדערן אָנצוטאָן אויף עטליכע טעג און דערנאָך מעג ער עס אָנטאָן.

אויך טאָר ער ניט זיין אין די צוועלף חדשים אויף א חתונה אָדער גיין צו א סעודת ברית מילה אָדער א פדיון הבן אָדער א סיום.

אז ער איז סנדק אָדער מוהל מעג ער זיין אויף דער סעודה נאָך שלשים. אויך מעג ער נאָך שלשים זיין אין שול ביי דער חופה, נאָר ניט אויף דער סעודה. אז ער מאַכט חתונה א יתומה און אז ער וועט ניט זיין וועט ווערן די חתונה אָפּגעהעלפּט מעג ער זיין אפילו אויף דער סעודה.

עלף חדשים נאָך דער קבורה זאָל ער זאָגן קדיש נאָך דעם פאָטער אָדער נאָך דער מוטער.

אז ער קען די עלף חדשים דאַווענען פאַר'ן עמוד איז זייער גוט בפרט מעריב. נאָר שבת און יום טוב זאָל ער ניט דאַווענען פאַר'ן עמוד צייטן עס איז ניט דאָ קיין אַנדערער. אז ער איז געוואוינט געווען פון פריער צו דאַווענען שבת און יום טוב זאָל ער פרעגן א שאלה.

